אונזער נייער פלאץ איז: 251–253 קווין סטריט וועסט
אונזער נייער טעלעפאן איז: עדעלייד 3967

The Hebrew Journal
דער אידישער זשורנאל

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

VOLUME III. No. 886 Toronto Thursday January 20th 1916
דאנערשטאג יאנואר דער 20טער 1916 טו"' שבת פרשה יתרו תרעו"
PRICE: 1 CENT

פאריז הערט אַז מאנטענעגרא האט ניט אנגענומען

פאריז, יאנ. 19

פאלגענדער אפיציעלער בעריכט איז היינט ארויסגעלאזען געווארען:

"די דראטלאזע נייעס וועגען דעם אונטערגעבען זיך פון די מאנטענעגרינער איז אביסעלע צו פריה. פון א צווייטער קוועלע ווערט גאר בעריכטעט אז די אונטעררעדונגען צווישען עסטרייך און מאנטענעגרא זיינען אבגעבראכען געווארען. מאנטענעגרא האט אויסגעפונען דאס די קאנדיציאנען פון דעם אונטערגעבען זיך וועלכע עסטרייך ווארפט ארויף אויף איהר קאן מאנטענעגרא ניט אננעהמען.

"דער קעניג, די קעניגליכע פאמיליע, און דער דיפלאמאטישער קארפוס האבען בדעה אוועק צו לאזען זיך קיין איטאליען".

רוסען בעהויפטען אז זיי זיעגען

פעטראגראד, יאנ. 19

פאלגענדע אפיציעלע סטייטמענט איז פערעפענטליכט געווארען:

"טראץ דעם שונא'ס מיטטיילונגען ענטוויקעלט זיך די רוסישע אפענסיווע גאנץ גוט אין פערסיען און אין קאווקאז. די רוסען פערכאפען שטארקע טערקישע פאזיציאנען מיט פערהעלטניסמעסיג קליינע פערלוסטען. מיר האבען פערכאפט פון שונא 12 קאנאנען, גרויסע צאהלען אמוניציאן און פיעל געפאנגענע. מאנכע פון די טערקישע רעגימענטען זיינען פערניכטעט געווארען גענצליך".

וואס די טערקען זאגען

קאנסטאנטינאפאל, יאנ. 19

פאלגענדען אפיציעלען בעריכט האט מען ארויסגעלאזען: די רוסען, וועלכע האבען ערליטען בעדייטענדע פערלוסטען אלס א רעזולטאט פון אונזערע שרעקליכע אטאקען און צוליעב אונזערע פערשטארקונגען, זיינען געצוואונגען געוועזען אויפצוהערען אטאקירען אויף דעם גאנצען פראנט. טראץ אכט טאג פון זעהר שטארקע אפעראציעס פון שונא וואס האט שטארקערע כוחות, איז די לאגע, אויסער לייכטע ענדרינגען, געבליבען צו אונזער גונסטען".

קייזער איצט אין ניש, סערביען

לאנדאן יאנ. 19

א דעפעשע ערהאלטען פון בערלין דורך רייטערס זאגט דאס, דער קאיזער, ווילהעלם, איז נעכטען געוועזען אין ניש, סערביען, וואו ער האט זיך געטראפען מיט קעניג פערדינאנד פון בולגאריען.

די קיסרים האבען זיך בעגריסט גאנץ הערצליך און דאן האבען זיי בעטראכט פון דעם ציטאדעל א פראצעססיע פון בולגארישע, מאצעדאנישע און דייטשע טרופען.

דער קייזער האט געגעבען א מתנה קעניג פערדינאנד א שטעקעל פון א פעלד מארשאל און דער קעניג האט בעשטימט דעם קייזער אלס עהרען קאמאנדיר פון א בולגארישען אינפאנטעריע רעגימענט.

דאקטאר ליעבקנעכט לאזט זיך שטרייכען פון זיין פארטיי

לאנדאן, יאנואר 19

דאקטאר קארל ליעבקנעכט, וועמען די פארלאמענטארישע סאציאליסטישע קאמיטע האט געטריבען פון זיינע פריווילעגיען אלס א מיטגליעד אין דער קאמיטע, האט אינסטרוירט די רייכסטאג בעאמטע זיי זאלען אויסשטרייכען זיין נאהמען פון דער ליסטע פון מיטגליעדער פון דער סאציאליסטישער פארטיי און זי ארויף שטעלען אויף דער ליסטע פון רייכסט ס מיטגליעדער וואס געהערען צו קיין פארטיי ניט.

די זיטצונגען פון רייכסטאג זיינען היינט פערטאג געווארען ביז מארטש דעם 15טען.

מאנטענעגרא האט פערראטען די עלליים

רוים, יאנואר 18

אלע בעריכטען דאס די מאנטענעגרינער האבען העלדיש געקעמפפט געגען די עסטרייכער איז געווען פאלש.

פונקט פערקעהרט און געהיים האבען זיי איהר גאל געהאליען זיי האבען אפילו מודיע געווען ווען שיפען זיינען אנגעקומען מיט פראוויאנט און מיט אמוניציאן פון איטאליען. און האבען אויף אזא אופן געהאלפען די עסטרייכישע סובמארינס זיי זאלען די שיפען זינקען.

בסוד איז קעניג ניקאלאי געווען פעראייניגט מיט די עסטרייכער נאך זייט אקטאבער און ער האט פשוט זיך געבעטען מען זאל בעפאלען זיין לאנד, וועלכעס ער האט פערראטען א בעזונדערען שלום.

דאס ערקלעהרט און רעכטפערטיגט פאלשטענדיג די שטעללונג פון די עלליים וועלכע האבען גוט פערשטאנען דאס צו העלפען מאנטענעגרא וואלט געווען גער ווי נוטצלאז. וואלטען די עלליים ווען בעזארגט די מאנטענעגרינער מיט הארמאטען און מיט אמוניציאן וואלט דאס אלעס געווען אריין געפאלען אין די הענד פון די עסטרייכער.

קעניג ניקאליא איז אליין פעראנטווארטליך פאר'ן פערראט צו זיין לאנד. די מאיאריטעט פון די מאנטענעגרינער, זיינע זיהן אריין גערעכענט, זיינען געגען א בעזונדערען שלום אבמאך מיט עסטרייך, וועלכעס מוז פיהרען פריהער אדער שפעטער צו דער ענטהראנונג פון קעניג.

און אסאשיאייטעד פרעס דעפעשע פון רוים זאגט. די בעשולדיגונג דאס מאנטענעגרא האט אבגעמאכט מיט עסטרייך נאך פאר'ן אויסברוך פון דער מלחמה איבערצוגעבען דעם בארג לאווטצען און דאס די פערטיידיגונג איז געגאנגען בלויז אזוי ווייט אז די עלליים זאלען גאר ניט בעמערקען און ניט חושד זיין, דיעזע בעשולדיגונג ווערט געמאכט פון א קארעספאנדענט פון דער צייטונג די "אידיע נאציאנאלע" פון רוים.

מאנטענעגרא האט ערלויבט די עסטרייכער צו נעהמען קוין, וועלכע איז געווען אונאייננעהמבאר". זאגט דער קארעספאנדענט, "און ווען די רעגירונג האט זיך צוריק געצויגען קיין פאדגאריטצא איז דער פארזיצענדער גלוקאנאוויטש פון דעם שטאאטסראט און אנדערע הויכע בעאמטע געבליבען אין צעטטיניע מיט ארדערס איבער צו געבען די שטאט צו די עסטרייכער אהן וועלכען עס איז וויעדערשטאנד.

מיט א קורצער צייט צוריק האט איטאליען געשיקט א זעהר גרויסע צאהל אמוניציע צו די מאנטענעגרישע און צו די סערבישע ארמייען, דער פראוויאנט אבער וואס איז געשיקט געווארען האט מען געלאזט פוילען אויף די האפענס אין סאן דזשאוואנער דע מעדוא, אלבאניען, כאטש עס זיינען דאן געווען גענוג מיטלען דעם פראוויאנט צו טראנספארטירען אין די איינערליכע געגענדען פון לאנד. אנשטאט צו פערריכטען דעם מעדיא סקוטארי וועג, האבען די מאנטענעגרינער פערריכט דעם ד שאקאווא — סקוטארי וועג, דורך וועלכען עס איז לייכטער געווארען פאר די עסטרייכער זייער קאמפף מיט די סערבען.

דאס עסען האט מען ניט געבראכט אין די איינערליכע געגענדען פון לאנד כדי צו קענען איינרעדען דער בעפעלקערונג אז די עלליים האבען זיי פערלאזען, און פאלגליך דארפען די מאנטענעגרינער ווערען שותפים מיט די עסטרייכער".

בערלין, יאנואר 19.

דער אפיציעלער עסטרייכער בעריכט לויטעט:

"די אונטערהאנדלונגען בנוגע די פרטים פון דער קאפיטולאציאן פון דער מאנטענעגרינער ארמיי האבען זיך אנגעהויבען נעכטען נאכמיטאג און די עסטרייך אונגארישע טרופען וועלכע האבען אינצווישען פערנומען ווירבאסאר און רייקא האבען אבגעשטעלט די שלאכט".

רייקא איז די צווייטע הויפט שטאט פון מאנטענעגרא וואו עס געפינט זיך דעם קעניג'ס ווינטער פאלאסט, און פון וואנען א דאמפפער ליניע לויפט מיט דעם טייך קרענאיאוויטצא קיין ווירבאסאר און סקוטארי.

לויט בעריכטען פון רוים, האט קעניג ניקאליא, פון מאנטענעגרא ארויס געלאזען א פראקלאמאציע אין וועלכער ער זאגט דאס ער איז געווען געצוואונגען זיך אונטער צו געבען צו עסטרייך אנשטאט פאלשטענדיג רואינירט צו ווערען.

אונבעשטימטע בעריכטען זאגען דאס עסטרייך וועט גאראנטירען מאנטענעגרא'ס אונאבהענגיגקייט און וועט איהר געבען אן אדריאטישען פארט פאר'ן בארג לאווטצען.

לאנדאן יאנ. 19

די "מארנינג פאסט" זאגט היינט וועגען מאנטענעגרא:

"דאס איז א טרויעריגע ענדע פון א גלאררייכער געשיכטע פון מאנטענעגרא וועלכע ווערט פון איצט אן זיין אן אונטערוואורפענער שטאאט פון עסטרייך".

די "טיימס" זאגט: כאטש אין דעם בעשלוס פון קעניג ניקאלאי זיך אונטער צוגעבען זיינען פאראן פיעלע פערזענליכע מאטיווען, און כאטש עס איז אין דעם אויך געווען א סך אונטעראידישעס פון דעם פארט עסטרייך - מאנטענעגרישער הויף פערראט, וואס האט זיך ארויס געוויזען אין דעם בעריהמטען פראצעס מיט איינינע יאהר צוריק אין צעטטיניע, דאך מוז מען צוגעבען אז דאס וואלט אזוי ניט געווען ווען די דייטשען וואלטען ניט געהאט אזעלכע נצחונות.

דאס איז אלזא א סיגנאל פאר די עלליים אז זיי קענען ניט האפען צו געווינען סיידען זיי וועלען אנשטרענגען זייערע אלע כוחות און וועלען קוקען ווייטער אין דער צוקונפט"

פאריז לייקענט פערראט פון מאנטענעגרא

פאריז יאנ. 19

די בעשולדיגונג אז מאנטענעגרא איז שולדיג אין פערראט צו די עלליים ווערט דענאנסירט אלס א "ניעדריגע פאלשקייט" אין דער מאנטענעגרינער אמבאסאדע, וועלכע זאגט דאס מאנטענעגרא האט זיך אונטערגעגעבען פשוט ווייל אמוניציאן איז אויסגעגאנגען.

לויט ידיעות פון זשענעווא זיינען, אלס א רעזולטאט פון דעם אונטערגעבען זיך, 35 טויזענד אינפאנטעריע און 17 הונדערט ארטיללעריע אריין געפאלען אין די הענד פון די עסטרייכער. גענעראל פעוועס, דער עסטרייכער קאמאנדיר האט געהאט געפאדערט דאס אויך די סערבען וואס האבען זיך געשלאגען צוזאמען מיט די מאנטענעגרינער זאלען זיך אונטערגעבען די מעהרסטע אבער פון זיי האבען זיך גערעטעוועט אריבער דער אלבאנישער גרעניץ.

ענגלישע קאנאנען ווירקען שלעכט אויף די דייטשען

לאנדאן, יאנואר 19

די דייטשען האבען געהאט א שלעכטע ענדע - וואך פון דעם עלליים, שווערען און אויסגעהאלטענעם ארטיללעריע פייער זאגט דער ראטערדאמער קארעספאנדענט פון דער "דיילי מייל". פון העטסאס אין צפון זייט, ביז אראב צו לאן, זיינען די דייטשען ליניעס געווען באמבאדירט מיט יענער טויטליכער פינקטליכקייט כאר וועלכער די דייטשע ארמיי אין מערב זייט האט אזוי מורא. טויט און פערניכטונגען האבען גערעגענט ארום לאן, וואו די וויכטיגע אייזענבאהן קרייצונג איז געווען שטארק בעשעדיגט.

די דייטשע ארטיללעריע איז ניט בכוח צו געבען א ריכטיגע ענטפער צו די ענגלישע גרויסע קאנאנען וועלכעס מאכט א שלעכטע ווירקונג אויף דער מאראל פון די דייטשע סאלדאטען.

באמבעס געווארפען אויף מעטץ

בערלין, יאנ. 19

דער קריעגס אפיס בעריכטעט:

אין מזרח איז גאר ניט פארגעקומען, אויסער פיליכט דאס וואס א דייטשער לופט סקאדראן האט אטאקירט דעם שונא'ס מאגאזינען און א לופט פארט ביי טארנאפאל.

אויף'ן מערב שלאכטפעלד איז א דייטשע אבטיילונג, א גאנץ קליינע ביים טייך איזער אריין צום שונא'ס טרענטשעס און האט דארט פערכאפט א מאשין הארמאט. עס זיינען פארגעקומען מינען אפעראציעס אויף ביידע זייטען אין מערב זייט פון לייל און אזוי ווייט אין דרום זייט ווי ביים טייך סאמם.

וועהרענד דער נאכט האבען דעם שונא'ס לופט מענשען געווארפען באמבעס אויף מעטץ. ביז איצט איז בעריכטעט געווארען דאס עס איז בלויז געווען מאטעריעלער שאדען.

דעם שונא'ס א לופט־שיף איז היינט פריה אראבגעפאלען אויף א פונקט אין דרום מערב פון טהיאנקור. איינער פון די פאסאזשירען איז בעטויטעט געווארען".

קריעגס ראט פון עלליים האט א זיטצונג

לאנדאן, יאנואר 19

דער קריעגס ראט פון די עלליים האט היינט דא געהאט א זיטצונג. פאר דער זיצונג האט עדר אויסלענדישער אפיס ארויסגעלאזען א סטייטמענט אין וועלכען עס ווערט דיסקרעדיטירט דער דייטשער בעריכט דאס די עלליים האבען געגעבען אן אכט - און - פערציג שטונדיגען אולטימאטום צו גריכענלאנד.

דעפעשען פון ראטערדאם און פון דייטשע שטעדט בעריכטען דאס עס געהט אן אין גריכענלאנד א רעוואלוציאנערע רעפובליקאנישע בעוועגונג, און דאס קעניג קאנסטאנטינס רעגירונג איז אין געפאהר צו פאללען. פון איניגע קוועללען קומען פרישע בעריכטען דאס עלליים טרופען לאנדען, און אויך דאס עס ווערט ערווארטעט א נייע אטאקע אויף סאלאניקי מצד די עסטרייך-דייטשען בולגארען.

דייטשע צייטונגען געבע, אנצוהערעניש פון א מעגליכער רעוואלוציאן אין גריכענלאנד מיט'ן געוועזענעם פרעמיער ווענייזעלאס אלס אנפיהרער און זיי דריקען אוים צווייפעל אויב קעניג קאנסטאנטין וועט האבען די שטיטצע פון א גריכישער ארמיי אין צייט פון א קריזיס.

דער גריכישער צענזאר האט דורכגעלאזט דעפעשען פון אטהענס וועלכע דערציילען דאס די גריכישע רעגירונג האט בדעה צו ערקלערען קריעגס צושטאנד כדי אן ענדע צו מאכען פון די "געפעהרליכע קלאנגען".

ניטא קיין פוטער אין בערלין.

בערלין יאנואר 9

אין איינינע טעג ארום וועלען פוטער קארטען ארויסגעלאזען ווערען, האבען די בעאמטע היינט [illegible] דער איינציגער וועט ניט [illegible] מעהר ווי איין פערטעל פונט א [illegible]

[illegible] די נייעס אז דעם [illegible] מען קיין [illegible] ניט באקען. דער עולם ווייס נאך אפילו ניט געגעני וואס וועט. עס פיהלט זיך אבער אין דער לופט אז אלע וועלען מיר זיין אויף איין פלאטץ דענסמאל.

אידער וואס ווען: פערצייכענט דעם דאטום.

אפענע בעשולדיגונג געגען דער שעל קאמיטי

אטאווא יאנואר 19

האנארייבעל וויליאם פאגסלי האט היינט נאכמיטאג פארגעזעצט זיין קריטיק אויף דער אלטער שעל קאמיטי.

ער האט זיין קריטיק באזירט אויף די אנטווארטען וועלכע ער האט בעקומען פון האנארייבעל טהאמאס וואיט וועגען קענעדעס צאהלונגען פאר די מלחמה אויסגאבען.

לויט דעם רעכענונג האט האנארייבעל פאגסלי ערקלעהרט, וועט קענעדע דארפען בעצאהלען ארום 20 מיליאן דאללאר פאר שעל'ס און שראפנעלען וועלכע זענען געמאכט געווארען דא אין קענעדע, און פאלגליך האט די קענעדער בעפעלקערונג א גרויסען אינטערעס אין דעם ווי אזוי די קאמיטי איז געפיהרט געווארען.

און דאס פאלק וויל ניט אז די רעגיערונג זאל אפאינטען א קאמיטי אונטערצוזוכען די האנדלונגען פון דער שעל קאמיטי נור, א קאמיטי זאל אויסגעקליבען ווערען פון די פאלקס פערטרעטער וועלכע זאל די גאנצע אנגעלעגענהייט אונטערזוכען.

האנארייבעל פאגסלי, האט זיך גענומען צו קריטיקירען ניט אויף א גלעכטער.

ער האט געבראכט אויסציגע פון א רעדע וועלכע איז געהאלטען געווארען פון האנארייבעל מר. מיהען אין פערט ארטהור מר. מיהען האט דאן ערקלעהרט אז די שעל מאנופעקשורערס בעקומען צו הויכע פרייזען פאר די שעל קאנטראקטען אויף מר. מיהען האט עס דאן געוואוסט, האט מר. פאגסלי אויסגעשריען, האט ער עס בעדארפט בעקאנט מאכען צו זיינע קאלעגען און ניט האלטען עס פאר זיך, און פלאנעווען א מלחמה טעקס אויף היגע מאנופעקשורערס וועלכע פאבריצירען שעלס, אזא טעקס וועט אריינקומען אין דער טרעזשורי פון קענעדע אין דער צייט ווען די ענגלישע בירגער אין ענגלאנד דארפען צאהלען דערפאר.

די שעל קאמיטי איז געווען די יעניגע וועלכע האט בעדארפט פערהיטען די אינטערעסען פונ'ם פאלק. אין דער אמת'ן איז אבער די קאמיטי געווען, אז די קויפערין און פערקויפערין, זיי האבען ניט געהאט קיין סיסטעם, מיליאנען דאלארס פון דער קעניגליכער טרעזשורי זענען פערשווענדעט געווארען ווייל זיי האבען עס ניט געוואוסט ווי אזוי צו פיהרען.

האנארייבעל פאקלים האט געבראכט פיעלע בעווייזע צו זיינע רייד, און האט אנגעוויזען אויף פיעלע טהאטען פון דער שעל קאמיטי, און ער האט פשוט געמאכט אן אפענע בעשולדיגונג, געגען דער גאנצער שעל קאמיטי צוזאמען מיט דער רעגיערונג די בעשולדיגונגען זענען גאר ניט קיין שעהנע.

דער כך הכל פון זיינע רייד איז געווען דאס די שעל קאמיטי האט זיך געמאכט איהרע אייגענע פרייזען אויף פאבריקאציאנען, און האט ניט געגעבען קיין קאנטראקטען צו אזעלכע מאנופעקטשורערס וועלכע האבען געוואלט מאכען דיזעלבע שעלס פאר קלענערע פרייזען.

דורך דער צייט פון זיין רעדע זענען אלע פארלאמענט מיטגלידער געזעסען און האבען זיך אויפמערקזאם צוגעהערט צו זיין רעדען.

בלויז פרעמיער בארדאן האט איהם איבערגעשלאגען אין מיטען ריידען מיט א בעמערקונג, אז ער דער פרעמיער הייסט עס האט גאר נישט געהאט צו טהאן מיט די שעל קאנטראקטען, און אויך ניט מיט קיינע קלאגעס.

האנארייבעל פאגסלים רעדע האט פערנומען די גאנצע נאכמיטאגדיגע זיצונג.

גלייך נאך איהם האט גענומען דאס ווארט מר. ווילקאקס פון נארט עסעקס.

די זיצונג האט זיך שוין אבער דאן געשלאסען

מעמבער אף פארלאמענט, שפיאן, שווינדלער, משומד, ענטלויפט

ניו-יארק, יאנ. 19

איגנאטיוס ט. טרעביטש לינקאלן, א געוועזענער מיטגליעד פון ענגלישען פארלאמענט, און א דייטשער שפיאן, לויט זיין אייגענער ודוי, א משומד וועלכען מען האט געהאלטען ארעסטירט אום ארויסגעשיקט צו ווערען קיין ענגלאנד, איבער א שווינדעל, האט זיך אויסגעדרעהט פון די הענד פון א דעפיוטי מארשאל נאך שבת און ביז היינט האט מען נאך ניט געפונען קיין סליאד פון איהם.

דער יונייטעד סטייטס מארשאל האט מודיע געווען דער געהיים פאליציי און עס איז געארדערט געווארען א זוכעניש אויף א נאציאנאלען מאסשטאב, איבער'ן גאנצען לאנד. מאנכע דענקען דאס באלד ווי ער איז אנטלאפען איז ער ארויף אויף איינער פון די שיפען וואס האבען שבת פערלאזען די שטאאטען.

דיעזער לינקאלן איז געהאלטען געווארען אין רייימאנד סטריט געפענגניס אין ברוקלין, וואו ער איז פריוויליגירט געווען מיט פיעלע פריהייטען. דער ארעסטאנט האט געשריבען א בוך איבער דער פראגע פון אינטערנאציאנאלען ספיאנאזש צוליעב וועלכען ער פלעגט געהן דריי מאל א וואך אין דער ברוקלינער פעדעראלער געביידע, וואו ער האט אויף דעם געארבייט. ער פלעגט תמיד זיין בעגלייטעט נאטירליך, פון א דעפיוטי מארשאל.

פערגאנגענעם שבת האט לינקאלן, אין דער בעגלייטונג פון דעפיוטי מארשאל פרענק דזשאהנסאן, בעזוכט ד יפעדעראלע געביידע.

פערלאזענדיג די געביידע האט לינקאלן מיט דזשאהנסאן זיך אבגעשטעלט אין א רעסטאראן. נאכדעם ווי מען האט געארדערט עפעס עסען האט לינקאלן געזאגט דאס ער געהט זיך וואשען די הענד. ער איז אוועק אין וואש צימער און האט פערגעסען צוריק צו קומען. ווען לינקאלן איז נאך צעהן מינוט ניט צוריק געקומען האט דער דעפיוטי מארשאל פערשטאנען אז ער איז אוועק. ער האט זיך געכאפט זוכען אבער עס האט ניט געהאלפען.

וועגען זיין אנטלויפען האט מען דעם יונייטעד סטייטס מארשאל ערשט נעכטען אויסגעזאגט.

לינקאלן איז ארעסטירט געווארען אין אווגוסט אויף'ן פערלאנג פון ענגלישען קאנסולאט אויף דער בעשולדיגונג פון שווינדעל. נאכדעם ווי ער איז איינינע מאל אויסגעהערט געווארען איז ער פעראורטיילט געווארען צוריק געשיקט צו ווערען. לינקאלן האט שטארק געקעמפפט געגען דיעזען ארדער. ער האט געטענה'ט אז אין ענגלאנד וועט מען איהם ניט פראצעסירען פאר'ן שווינדעל נאר ער וועט הינגעריכטעט ווערען אלס שפיאן.

עס איז דארום קיין וואונדער וואס ער האט געוואונט צו מאכען דיעזען ריזיקירטען שריט פון אנטלויפען.

רוסען ווארפען זיך ווידער צ טשערנאוויץ

בערלין, יאנואר, 19

די רוסען האבען אנגעהויבען א נייע אפענסיווע בעוועגונג אין מזרח פון טשערנאוויטץ נעבען דער בעסאראביער גרעניץ. דער אפיציעלער עסטרייכער בעריכט זאגט דאס די רוסען האבען געמאכט פיער אטאקען איינע נאך דער אנדערער, נאר זיי זיינען צוריק געשטויסען געווארען.

דער בעריכט איז ווי פאלגט:

אויף דעם מזרח פראנט איז נעכטען געוועזן רוהיג. היינט אין דער פריה האט זיך א נייע שלאכט אנגעהויבען נעבען טאפארוטץ און באיאן אויף דער גרעניץ אין מזרח פון טשערנאוויץ.

אויף איינינע פלעצער האט דער שונא געמאכט פיער אטאקען נאך אייגאנדער, נאר זיי זיינען איבעראל צוריקגעשטויסען געווארען".

"אויף'ן איטאליענישען פראנט זיינען איינינע שוואכע איטאליענישע אבטהיילונגען פון טרופען צוריק געשטויסען געווארען נעבען לוזערן און אין צפון זייט פון דער בריק ביי טאלמינא.

לאקאלע פאסירונגען

ביים נעכטיגען מיטינג פון דער באארד אף קאנטראל, האט מעיאר טשורטש פארגעשלאגען א רעזאלוציאן מען זאל זיך ווענדען צו דער אנטעריא לעדזשיסלייטשור, אז די לעדזשיסלייטשור זאל שאפען אגעזעץ וועלכער זאל צווינגען יעדער קאר קאמפאני אין א שטאדט וואו עס איז דא מעהר ווי 200,000 איינוואהנער צו פיהרען סאלדאטען אויף די קארס אהן קאר פעיר.

די רעזאלוציאן איז אנגענומען געווארען

נעכטען זענען פערעפענטליכט געווארען די ציפערען פון דעם לעצטען מיליטערישען צענזוס וואס איז געמאכט געווארען אין טאראנטא

די ציפערן ווייזען דאס 69,685 קארדס זענען צוטהיילט געווארען אין פערשיעדענע פאבריקען און ביזנעס אפיסעס. פון דער צאהל זענען אומגעקעהרט געווארען.

20,233 אויסגעפיהלטע, דאס הייסט אנגעשריעבענע. און 48,696 לוידיגע חוץ די וועלכע אנדערע האבען ניט געוואלט אויספיהלען און אויך ניט אומקעהרען צוריק די קארדס.

אידישע דיימאנד גנבים געפונען שולדיג

נעכטען האט זיך אין א סיטי קארט בעפאר דזשאסטיס מידעלטאן געענדיגט דער טריאל פון אייק קאהן דזשייק גאלד און דזשאזעף טרופ וועלכע זענען געווען אנגעקלאגט פאר בערויבען א דיימאנד הענדלער פאר 2,900 דאלאר דיימאנדס.

ווי אזוי די געשיכטע האט פאסירט איז שוין בעקאנט געמאכט געווארען.

די אויבענדערמאהנטע דריי זענען ארויין צו א געוויסען דיימאנד הענדלער מר. עלען און זיך געהייסען ווייזען דיימאנדס. זיי האבען גאר נישט געקויפט, נור ווען זיי זענען ארויס האט זיך דער בעל הבית געכאפט אז איהם פעלט א פעקעל דיימאנדס.

די אויבענדערמאהנטע דריי זענען געכאפט געווארען אויף'ן גרענעץ. מר. עלען האט זיי דערקענט, אלס די וועלכע האבען בא איהם גענומען די דיימאנדס.

מאיער ראבינער און האראלד דיווארד האט זיי פערטהיידיגט, אבער נאך דעם ווי די זשורי האט זיך בעראטהען ניט מעהר ווי אשטונדע האט זי ארויס געבראכט א ווערדיקט פון שולדיג פאר אלע דריי.

דזשאסטיס מידעלטאן האט אבגעלעגט דעם פסק פאר א וואך צייט, אום צו געבען די אויבענדערמאהנטע דריי א געלעגענהייט אויסצוזאגען וואו די דיימאנדס זענען.

ווייל ווען מען האט זיי געכאפט האט מען בא זיי די דיימאנדס ניט געפונען.

גרויסער ענגלישער דאמפפער טארפעדירט.

לאנדאן, יאנואר 19

דער ענגלישער דאמפפער מארערע, 6443 טאן, איז טארפעדירט און געזונקען געווארען אין ים הצפוני. די מאנשאפט איז געראטעוועט געווארען. זי איז געווען 40 פיס לאנג און איז געבויט געווארען אין בעלפאסט אין 1902.

צוויי פישער שיפען, פאמקרעסט און סאנשיין, זיינען אויך טארפעדירט געווארען אין נארטה ים.

געלד געשיקט

מר. ה. ווייגבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט טאגעס קורס.

35

סענט (פאר'ן רובעל)

מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון דער וועלט

ליעבע, האס און ראכע

אן אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל—ק—ד.

(62טע פארטזעצונג)

נאך א ווייל האט זיך די ווייסע פרוי אויפגעשטעלט און האט איהרע הענד אויף איהר ווילד קלאפענדעס הארץ צוגעפרעסט.

קענען גייסטער אויך רעדען און זיינען ? — בייזע שווערע טראפען האבען זיך געקייקעלט פון די אויגען איבער די באקען פון דער רעטהזועלהאפטע ערשיינונג און אז זי האט זיך יעצט איבער דער בעטעל איבערגעבויגען איז א גרויסער טרעהר אויף דאס קינד לאקען ארויפגעפאלען.

נאך שפעטער האט זי זיך איבער דאס קינד אריבערגעבויגען, זי האט דאס נעזוכט פון דאס קינד געוואלט זעהען.

וואס מאר א הערצרייסענדער געשריי האט דאס איבערן צימער געקלונגען ? די ווייסע פרוי איז פלוצלונג צוזאמען געבראכען און בעזינונגסלאז איז זי אויף דעם באדען געלעגען, וואס איז דאס געוועזן וואס האט איהר אזוי דערשראקען ? אזוי איז א לאנגע צייט געלעגען, און אז זי איז ענדליך וויעדער צו זיך געקומען און האט זיך לאנגזאם שווער אטקעמענדיג אויפגעהויבען, איז א שרעקליכער שמערץ אויף איהר געזיכט געלעגען.

זי האט איהרע הענד אויפן הארצען געדריקט און איהר בליק האט מיט אומענדליכען ליידענשאפט געזוכט דאס געזיכט פון דאס קינד.

און זי האט זיך וויעדער איבער דאס קינד אריבערגעבויגען און רעגונגסלאז גע־קוקט אויף דאס ליעבע געזיכט פון דער שלאפענדער, א שוידער האט איהר קערפער איבערציטערען געמאכט און אלס זי האט זיך וויעדער אויפגעריכטעט, איז איהר געזיכט מיט טרעהרען אבגעבאדען געוועזן.

— גאט זאל דיר היטען, דו זיסעס קליינעס וועזען, האבען די ציטערענדע ליפען פון דער ווייסער פרוי געמורמעלט, דיין אנבליק צורייסט מיר דאס הארץ מיר קומט פאר, ריכטיג ווי איך זעה דיך צוריק אין די גליקליכע פערגאנגענע צייטען.

און פלוצלונג האט זי זיך מיט צערטליכקייט צו דאס קינד אראבגעבויגען און האט איהר אויף'ן שטערען א קוש געטהאן.

די קליינע האט פלוצלונג די אויגען אויפגעעפענט — און מיט א שטילען פערדעקטען געשריי איז די וועלטזאמע פרוי צוריקגעשפרונגען.

זי האט דערהערט ווי יעמאנד קומט פון קיך, זי האט דייטליך טריט געהערט, זי איז ערשראקען געווארען, מען דארף איהר דא ניט טרעפען.

נאך א בליק פון אונאויסשפרעכליכער [illegible] האט זי אויף דאס קינד געווארפען, [illegible] שטיל צו דער זייטען טהיר צו [illegible] און איז פערשוואונדען געווארען.

גלייך נאכדעם איז האנכען אריין גע־קומען אין צימער.

— האנכען ! האט סע שטיל און מורא'דיג געקלונגען אין צימער.

— מיין גאט, גרעטהכען, דו ביסט וויעדער וואך. דו האסט דאך פריהער ווען איך האב דעם צימער פערלאזען, אזוי רוהיג געשלאפען ?

זי איז שוין נעבען דער בעט געשטאנען און גרעטהכען האט צו איהר שרעקענדיג די הענד אויסגעשפרייט.

— וואס איז דיר, גרעטהכען, האסטו שלעכט געטרוימט ? זעה ווי דיינע באקען גליהען.

— געטרוימט ? ניין, איך האב דיא אויגען ווייט אפען געהאלטען, האנכען, האט דאס קינד געפליסטערט, און איך האב א שעהנעם ווייסען מלאך דא נעבען מיין בעט שטעהן געזעהן, ער האט מיך אזוי פריינדליך אנגעקוקט און ער האט אזוי ביטער געוויינט, — און דאן אז איך האב אנגעהויבען איז ער פערשוואונדען געווארען.

— דאס איז א שעהנער טרוים געווען, גרעטהכען, צו גוטע קינדער קומען ביי נאכט די מלאכים פון הימעל און שטעהען זיי א וואך ביי דער בעט די קינדער צו היטען, שלאפסטו גרעטהכען, גאט האט דיר ליעב, ער האט דיר א מלאך געשיקט ער זאל דיר היטען.

דאס קינד האט גילקלאך געלאכט און האט זיך מעהר ניט געשראקען — דאס איז יא א מלאך געוועזן וואס זי האט געזעהן.

האנכען האט מיט איהר אזוי לאנג נאך גערעדט ביז זי איז וויעדער אנשלאפען געווארען.

ווען דאס יונגע מיידעל איז אין פראנט צימער אריינגעקומען האט זי שוין דעם פאטער ביי דעם טיש זיצען געטראפען און האט אין א צייטונג געלעזען, דער אלטער איז שטילערהייט אריינגעקומען, זי האט גאר ניט געהערט.

— פאטער, גרעטהכען האט זיך וויעדער פון שלאף אויפגעכאפט, האט זי לאכענדיג געזאגט, צום טיש צוטרעטענדיג, זי זאגט מיר דאס זי האט א שעהנעם ווייסען מלאך נעבען איהר בעט געזעהען.

דער אלטער איז אויפגעשפרונגען, אן אונהיימליכע בלאסקייט האט זיין געזיכט בעדעקט.

— האסטו איהם אויך געזעהען, האנכען ? האט ער אטהעמלאז נעפרעגט.

— איך ? ניין פאטער ! האט זי ערוויעדערט, אינדעם זי האט לאכענדיג מיט דעם קאפ געשאקעלט, גרעטהכען האט געוויס אזוי לעבהאפט געטרוימט דאס זי האט זיך אויפגעכאפט און זי האט דעם בילד געגלויבט לעבענדיג פאר די אויגען צו זעהען.

— געוויס, אזוי מוז עס זיין מיין קינד.

ער האט וויעדער די צייטונג אין האנד גענומען, ער האט אבער לעזען ניט געקענט, פריהער ווי אלע מאל האט ער זיך געלעגט אברוהען נאכדעם ווי ער האט זיין קינד א גוטע נאכט געוואונשען.

— — — — — — —

— — — — — — —

דער זייגער האט צוועלף מאל אויסגעשלאגען, האנכען איז שוין לאנג געשלאפען און דער אלטער רידעל האט זיך יעצט אויפגעכאפט, האסטיג האט ער א לאטערנע אין האנד גענומען און א קארב מיט שפייז פון קיך ארויסגעטראגען.

ער איז א ווייל געבליבען שטעהן און אז ער האט גאר ניט געהערט איז ער לאנגזאם אין צווייטען צימער אריינגעגאנגען.

ער האט די לאטערנע מיט'ן קארב אויף דער ערד אוועקגעשטעלט און אברוקענדיג א וועגטעל האט ער די געהיימע טהיר אויפגעעפענט און ער איז גלייך פערשוואונדען געווארען.

דער אונטעראירדישער געוועלב האט דעם אלטען ניט געשראקען, ער האט גאנץ רוהיג געקוקט אויף די ארונות וואס זיינען דארט געשטאנען, ער איז שוין צו דעם געוואוהנט געווארען.

ער איז אזוי לאנגזאם דורך דער רייהע ארונות געגאנגען. ביז ער איז צו דעם לעדיגען ארון געקומען און וועלכען טרענק האט זיך אמאהל בעהאלטען.

נאכדעם ווי ער האט זיך אין אלע זייטען ארומגעקוקט האט ער זיך גענומען לינקס און האט אין וואנט מיט די אויגען ווי עפעס געזוכט ביז ענדליך האט ער עס געפונען, ער האט אויף א געוויסען פונקט א דריק געטהאן.

די שטיינערנע וואנט האט אנגעהויבען צו קרעכצען, די שטיינער האבען זיך אנגעהויבען צו ריהרען און איין גרויסער שטיין האט זיך אבגערוקט אן א זייט און האט געגעבען איין שמאלען אריינגאנג אויף'ן צווייטען זייט, דורך וועלכען דער אלטער מאן איז געבויגען דורכגעגאנגען.

ער איז א שמאלען קארידאר דורכגעגאנגען און ביי דעם שיין פון דער לאטערנע האט ער א קליינע טהיר דערזעהען, דער אלטער האט דריי מאל גאנץ שטיל אנגעקלאפט אין טהיר.

א זאנפטע פרויען שטימע האט איהם פון אינוועניג געהייסען אריינקומען. ער האט די טהיר געעפענט און איז אין א העל בעלויכטעטען צימער אריינגעקומען. א שלאנקע פרויען געשטאלט האט זיך פון א שטוהל אויפגעהויבען,

— רידעל, איהר קומט דאך נאך ? האט די פרוי פרעהליך און האסטיג אויסגעריפען, אינדעם זי האט צו איהם צוגעטראטען, איך האב אייך שוין ניט ערווארטעט, איהר זייט דאך ערשט נעכטען דא געוועזן ! אה, זאגט מיר פריהער פאר אלס דאס איינע, רידעל, ווי קומט איהר צו דאס ליעבע קינד, וואס איך האב ביי אייך געזעהען ?

דער אלטער האט די קארב מיט דער לאטערנע אויף א טיש אוועקגעשטעלט און האט זיך פערצווייפעלט ארומגעקוקט.

— אח מיין גאט, האט ער צוטומעלט געשטאמעלט, מיין אחנונג האט מיר אלזא ניט גענארט, איהר זייט היינט אבענדס ביי דאס קינד בעט געווען ?

— אח, זייט ניט בעז אויף מיר, רידעל האט די בלאסע שעהנע פרוי געבעטען, איך ווייס עס גאנץ גוט דאס פון מיינער זייטע איז דאס ניט זעהר פארזיכטיג געוועזען, מען האט מיר געקענט זעהען, איך האב אבער אנדערש ניט געקענט ! ווען איך האב איבער מיר קינדערשע טריט דערהערט האט עס מיר מיט געוואלד געצויגען דאס קינדערשע געזיכט צו זעהען און דעם פערגאנגענעם גליק זיך צו דערמאהנען. איך בין גאנץ שטיל צו דאס קינדס בעטעל צוגעטראטען און אז איך האב איהר געזיכט דערזעהען — אח גאט ! רידעל, איך האב געמיינט דאס איך ווער וואהנזיניג, ווייל דאס געזיכט פון דאס קינד האט מיר דערמאהנט אן מיין פערשטארבענעם קינד מיין ליעבלינג.

וויינענדיג האט זי דאס געזיכט אין די הענד פערגראבען די אויפרעגונג פון איהר שטורמישע הארץ איז געווען שטארקער פון איהר.

רידעל האט זיך אבגעווענדעט זי זאל ניט זעהען ווי בלייך ער איז געווארען און ווי ער ציטערט מיט דעם גאנצען קערפער.

נאך א ווייל האט זי איהר קאפ וויעדער אויפגעהויבען און איהר געזיכט האט ווי פערשטיינערט אויסגעזעהען.

— אה, זאגט מיר נור פון וואנען האט איהר דאס קינד ?

דער שלאס גערטנער האט זיך איבערן קארב איינגעבויגען און האט די לעבענס מיטעל וואס דארט איז געווען אויף דעם טיש אויסגעלעגט און אהנע דער פרוי אנצוקוקען האט ער האסטיג ערוויעדערט :

— עס איז מיינע א קוזינעס א קינד, פון שלעזיען, איך האב די קליינע יתומה צו זיך גענומען ווייל זי האט קיין נעהענטערע פון מיר אויף דער וועלט.

— איהר זייט א גוטער בראווער מאן רידעל האט די בלאסע פרוי ערגריפען אויסגערופען אינדעם זי האט זיין האנד געדריקט.

— איך ווייס עס בעסער ווי אלע וואס פאר א גוטע הארץ איהר האט, נוארום וואס וואלט פון מיר געווארען ווען איהר וואלט זיך פאר מיר ניט אינטערעסירט ! גאט זאל געבען איך זאל נאך אייך אמאל קענען מיין דאנקבארקייט צייגען, פאר דעם וואס איהר האט מיר געטהאן.

(פארטזעצונג פאלגט)

אדרעסט היינט [illegible] $1 [illegible] 21—2040

חורבן גאליציע

אין מאסקווא איז געקומען מאדאם ווירדין פון א רייזע וואס זי האט געמאכט איבער גאליציען אונטער דער השגחה פון רויטען קרייץ און פיראגאווער קאמיטעט צו שטיצען די לייידענדע אין די מלחמה געגענדען מיט מעדיצינישע הילף.

אין ער מאסקווער כאהר שוהל, האט מרס. ווירדין פארגעלעזען א בעריכט וועגען איהר רייזע, דער בעקאנטער מאסקווער רב דר. מאזע איז געווען אין די טשעהר.

מאדאם ווירדין דערצעהלט, ווי זי האט נאך פיעלע שוועריגקייטען בעקומען אן ערלויבניש צו בעזוכען די אידען אין גאליציען.

די הילף פון די וואס זיינען מיט איהר מיטגעפאהרען האט געהאט ניט נור א וואהלטהעטיגען צוועק נאר אויך דיא אויפגאבע צו ארגאניזירען די קאאפעראטיווען און זעלבסטהילף.

צום ערשטען האט דער קאמיטעט בעזוכט לעמבערג.

די לאגע פון די לעמבערגער אידען איז געווען א שוידערליכע, מאדאם ווירדין האט זיך געווענדעט צו לעמבערגער אידישע כלל טהוער אובערהויפט צו דאקטאר דימאנט וועלכער האט מורא געהאט צו נעהמען אויף זיך די ארגאניזאציע פון שטיצע, ווייל די אסימילאטארישע אידען האבען איהם אימער פערפאלגט און געשטערט אין אלע זיינע אונטערנעהמונגען ספעציעל האט זיך אויסגעצייכענט א טיפישער פארשטעהער פון משה'ס גלויבען, א געהילפס שטאדט־ראטה. ער האט זיך צו די אידען בעצויגען פיעל ערגער ווי די פאליאקען, און ארויסגעצייכנט זיין איבערגעבענהייט צום לאנד מיט דעם וואס ער האט די ארימע אידען קיין שום שטיצע ניט געוואלט געבען.

ווען מאדאם ווירדין איז אנגעקומען אין לעמבערג האט זי דארט געטראפען נור איין קיך פאר ארימע אידען, אין וועלכער דער געהילפס ראבינער און איינציגע אידישע אינטעליגענטע פרויען האבען זעהר ענערגיש געארבייט.

דאס אלעס איז געווען ווי א טראפען אין ים.

דעם קאמיטעט איז אויסגעקומען זיך צו בעקענען מיט א הימעלשרייענדען נויטה פון פיעלע פליכטלינגע און ארויסגעשיקטע פון די מלחמה געגענדען וואס האבען זיך געוואלגערט אין די גאסען, אין די פאליצייא צירקלען זיינען די פליכטלינגע געווען פערשפארט צו 80 מענשען אין איין צימער פרויען, מענער און קינדער צוזאמען, צווישען זיי זיינען אויך געווען קראנקע און שטארבענדע.

פון לעמבערג איז דער קאמיטעט אוועק נאך ראדימנא און ראווא רוסקא, די אידישע בעפעלקערונג אין די שטעדט און אומגעגענד איז אין גאנצען רואינירט געווארען, די הייזער זיינען פערברענט, די בעפעלקערונג וואלגערט זיך אין די קעלערען צו 10 און 15 מענשען אין א קעלער.

די עסטרייכישע און אנדערע בעאמטע האבען זיך אויף די אידען ניט אומגעקוקט ווען מאדאם ווירדין איז צו זיי געקומען און זיי געבראכט ברויט האבען די הענד געקושט, און די אידען האבען זיך אויף מיט זייער שטיקעל ברויט געטהיילט מיט די קריסטען.

אין צעשאנאוו האט דער קאמיטעט אויך אנגעטראפען א שרעקליכען עלענד און נויטה צווישען די אידען, אין דער שוהל האבען זיך געוואלגערט אויף דער ערד 80 פאמיליעס ארימע אבגעריסענע קראנקע פרויען מענער און קינדער.

פון א געוויסען קאמיטעט פון וויען האט מען צונעשיקט צום גלח א סומע געלד ער זאל בעזארגען די בעפעלקערונג אהן אונטערשייד פון גלויבען און נאציאן מיט ברויט און קליידער, דער גלח האט אבער בלויז די פאליאקען מיט די רוטענער געהאלפען און די אידען גארניט געגעבען. ווען די אידען האבען זיך דערוואוסט און אויף די קניעס געבעטען ביים גלח ער זאל זיי אויך העלפען מיט עפעס פון דעם געלד וואס די וויענער אידען האבען צונעשיקט האט ער זיי ארויסגעטריבען.

מיט מעדיצינישער הילף האט דער פוילישער אפטייקער די אידען אויך ניט געוואלט העלפען.

דער קאמיטעט האט צוטהיילט א געוויסע סומע צווישען די אידען און האט אויך אויפגעעפענט א קיך פאר ארימע, ארגאניזירט פון רויטען קרייץ. דא האט זיך דער קאמיטעט בעגעגענט מיט א שטארקען פאנאטיזם פון די אידען, זיי זיינען געווען בערייט צו לאזען זייערע קינדער צו שטארבען פון הונגער איידער צו עסען מיט די קריסטען פון דעם זעלבען געפעס און וועלכען מען האט געקאכט א גאנצע וואך און שבת אויך.

דער קאמיטעט האט געמוזט אויפעפענען א בעזונדערע קיך פאר די אידען.

מאדאם ווירדין דערצעהלט אז בעת די רוסישע טרופען זיינען געווען אין גאליציען איז די לאגע פון די אידען געווען אונערטרעגליך. די רוטהענער פון אונטערדריקטע זיינען מיט אמאל געווארען אונטערדריקער און האבען גערודפ'ט די אידען אויף יעדען טריט מען האט אויך דאן ניט ערלויבט די פאהרען פון איין שטאדט אין די אנדערע. אפילו די פארשטעהער פון צדקה קאמיטעטען האבען ניט געטארט ארומפאהרען.

אין גאליציען הערשט איצט א שרעקליכע פראסטיטוציע צווישען די פליכטלינגע, עס איז כמעט אונמעגליך זי צו בעקעמפפען.

מאדאם ווירדין טאדעלט זעהר שטארק די גאליצישע אידישע אינטעליגענץ וועלכע איז אימער געגאנגען מיט די פאליאקען אדער רוטהענער און קיינמאהל ניט געארבייט פארן אידישען פאלק אין גאליציען דערפאר איז עס אזוי אונוויסענד און פאנאטיש. די גאליצישע אידישע אינטעליגענץ דארף נעהמען א מוסטער פון דער רוסישער אידישער אינטעליגענץ וועלכע געהט מיט'ן פאלק און א געזונדען דעמאקראטישען גייסט.

עלען לערנען אידיש אין קאלומביא

אין דעם ניו יארקער ''מארגען זשורנאל'' לעזען מיר פאלגענדעס :

פראפעסאר דזשאהן דיינלי פרינס, געוועזענער פרעזידענט פון סענאט אין סטייט ניו דזשורזי און הויפט פון דעפארטמענט אף עקטענשאן אין קאלומביא יוניווערזיטי נעהט איינפיהרען ביי די קומענדע קורסען פון קאלאמביא א ''טשער'' אין אידיש.

פראפעסאר פרינס האט ארויפגעשטעלט די אידישע שפראך אויף'ן ליסט פון די ''סאבדזשעקטס'' מיטן צוועק צו ערמוטהיגען די ניט אידישע סטודענטען צו שטודירען מאמע לשון כדי צו קענען זיין לעהרער אין די אונצעהליגע נייט שוהלען אין ניו יארק. עס איז צום ערשטען וואה וואס אידיש איז פארגעשלאגען געווארען אלס שפראך אין דער בעריהמטער אוניווערזיטעט. דר עלים מארגאלים איז בעשטימט געווארען אלס דער ערשטער פראפעסאר אויף מאמע לשון אין קאלומביא.

דאקטאר מארגאלים איז א געבוירענער פון מיזרעץ ווילנער גובערניע.

ניו־יארק סטייט נעהמט אן דעם אידישען טאג

אלבאני נ, י.

די אסעמבלי האט אנגענומען די רעזאלוציאן פון אסעמבלימען איבראם גוד־ פאדערט אויף גאווערנאר וויהיטמאן צו בעשטימען דעם 27־טען יאנואר אלס אידישען טאג אין ניו יארק סטייט. דער צוועק פונדער רעזאלושאן איז דאס דיעזער טאג זאל אפיציעל אנערקענט ווערען פון סטייט פונקט ווי פון די פעדעראל רעגיערונג.

לויט, דיעזער רעזאלושען ווען דער גאווערנאר וועט עס בעשטעטיגען וועט דער גאווערנאר ארויסגעבען א פראקלאמאציע אין וועלכען ער וועט אויפמערקזאם מאכען אויף די פראקלאמאציע פון פרעזידענט ווילסאן און וועט דאן אין נאמען פון סטייט אפעלירען צו אלע סיטיזאנס פון ניו יארק סטייט צו פאלגען דעם רוף פון פון פרעזידענט ווילסאן און ווידמען דעם טאג צו דער הילפע פון אידישע מלחמה קרבנות אין אייראפא.

די רעזאלוציאן פון אסעמבלימען גודמאן איז אנגענומען געווארען איינשטימיג.

יעדער שטייפער גליד, ווייך געמאכט רומאטיזם געהיילט!

די אלטע פאמיליען רפואה ,,נערוועלין'' איז גאראנטירט אין די ערגסטע פעהלע

הויילט נערוועז שמערץ, רוקען שמערץ היפטען שמערץ.

צו האבען רומאטיזם יעצטיגע צייט איז ניט נויטיג עס איז אזוי פערשטענדליך און אזוי שנעל געהיילט אז יעדען טאג ערהאלטען מיר בעריכטען פון כראנישע קייסעס וועלכע זענען בעפרייט געווארען פון זייערע מאטערניסע.

''איך קען ריידען מיט זיכערהייט פון דעם נערוועלין טריטמענט, אויס דעם איינציגען גרונד וואס דאס האט מיך אויס געהיילט'', שרייבט אלבערט, ב. קארנעליס פון קינגסטאן.

איהר קענט אייך פארשטעלען ווי שטייף און געלעהמט איך בין געווען, נעכט נאכאנאנד האב איך ניט געקענט שלאפען, איך האב נאכגעפאלגט די נערוועלין דירעקטציאנען פינקטליך — האב עס איינגעריבען אויף די שמערצהאפטע פלעצער פיער און פינף מאל א טאג, יעדער איינרייבונג האט געהאלפען צו רעדוצירען די שמערצען, די געשווילאכץ איז ארונטער, איך האב בעקומען א גאנץ גענוגענדע הילף פאר א וואך צייט.

איך האב אויך גענומען צוויי פערא זאנטאבלעטס מיט די מאלצייטען, זיי האבען מיר גערעטעט מיין אפעטיט און גייסט, גערייניגט מיין מיין בלוט און ארגאניזם אין אלגעמיין.

איך פיהל מיך היינט צו טאג אזוי גוט ווי יעדער מאן קען זיך פיהלען. — אין בעסטען געזונדם צושטאנד, און גיעב נערוועלין [illegible] דעם קרעדיט.

א גרויסע פאמיליע סייז באטעל נערוועלין קאסט בלויז 50 סענט. אדער די טריאל סייז 25 סענט, און עס איז נוצבאר פאר הונדערט' קראנקהייטען און דער פאמיליע, קען עס זיין צאהן שמערצען, אויערן שמערצען, קאפ וועהטאג, נערוועזן שמערצען, רוקען שמערצען אדער פערקיהלונג, נערוועלין וועט עס היילען אזוי שנעל ווי עס וועט היילען רוהמאטיזם, פאר פאמיליען נוצען קען גאר נישט פערגלייכען ווערען מיט נערוועלין.

אין דער קענעדער וועלט

אין פראווינץ סאסקאטשעוואן רעדט מען יעצט וועגען געבען די פרויען רעכט.

דער מאנטרעאלער סיטי קאנסול האט זיך ענטזאגט בייצושטייערען צום פאטריאטיק פאנד ווייל די שטאדט האט קיין געלד ניט.

פון אמהערסט נאווא סקאשיא, וואו דייטשע געפאנגענע ווערען געהאלטען זיינען 12 אנטלאפען.

פאר דזשאדזש סניידער אין האמילטאן איז דינסטאג פארגעקומען דער טרייעל פון דזשייקאבס און לואיס מינדען אז זיי האבען געמאכט א קאנספיראציע צו בעשווינדלען זייערע קרעדיטארען. זיי זיינען ביידע בעפרייט געווארען.

אין מאנטרעאל איז די צאהל פון ליקער לייסענס פערקלענערט געווארען מיט פופציג.

לעצטען דאנערשטאג איז בעשערט געווען די וויניפעגער אידען אויסצוהערען א שארפע נאטיצע פון דזשאדזש מעטקלאף פאר דעם וואס עס טרעפען צו פיעל פעלע וואס אידישע עדות שווערען פאלש. דער דזשאדזש האט ערקלעהרט אז ער וויל ניט בעשולדיגען אלע אידען נאר נאך זיין מיינונג מוז עפעס זיין אין דער איצטיגער פארם פון דער שבועה פאר אידען אזעלכעס וואס מאכט זיי גרינג צו בעציהען זיך צו דער שבועה און דערום איז מעגליך אז מען זאל דארפען צוריק איינשטעלען די אלטע פארם פון שווערען אין א טלית.

די אידישע לאיערס וואס האבען זיך געפונען אין קאורט אין דער צייט פון דער רעדע האבען זיך געיהלט געקרענקט און האבען איבערגערעדט צווישען זיך אז מען וועט דארפען אויסגעפינען א מיטעל אז דער אידישער נאמען זאל מעהר ניט דארפען ליידען.

אידען פערבאטען אין קאווקאז

פאריז. — א מעלדעט מען אז די ''אוטרא ראססי'' האט פערעפענטליכט א טעלעגראמע פון באקו אז דער וויצע קעניג פון קאווקאז ניקאלאי ניקאלאיעוויטש האט ארויסגעגעבען א צירקולאר אז אלע אידען פון קאווקאז אפילו די מלחמה אנטלאפענע מוזען פון דארט גלייך פערטריבען ווערען. אין זעלבען צירקולאר ווערט געזאגט אז אונטער קיין שום בעדינגונג טארען אידען מעהר זיך דארטען ניט בעזעצען.

ענגלישער קעניג טהרט א אידען

לאנדאן — קעניג דזשארדזש האט מיט זיינע אייגענע הענד אנגעשפיעלעט א וויקטאריא קרייץ אויף'ן לאץ פון דעם אידישען העלד קייזער פון אויסטראליען וועלכער האט זיך אויסגעצייכענט אין גאליפאלי.

פארם צו בילינג פרייזען.
ב. גאדמאן 882 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעמט און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

א פארם פון 150 אקער לאנד, מיט 2 הייזער, 2 בארנעס מיט אלע מאשינערי פיר דאס פארם, 23 מייל פון טאראנטא אויף די קינגסטאן ראוד, נעבען א טריין טרעק, וואסער, טעלעפאן און אלעס נויטיגעס. קליינע איינצאהלונג, א גוטער טשאנס צו מאכען געלד.
פרעגען אין זשורנאל מר וויינבערג.

יונגער מאן זוכט א פריוואטער רום מיט באארד ביי אן אנשטענדיגער פאמיליע צווישען מיקאל און ספעדינא.
פרעגען שריפטליך אין זשורנאל באקס 2
4997—23—1

צו פארענטען אן אויסגעפארנישטע רום ביי אן אנשטענדיגע יאנג פאר פאלק פאסענד פאר א יונגען מאן אדער פרויילין. אין 24 ראסס סט.

צו פערענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס, ביליג רענט 79 בעלדווין סט.
4986—23—1

צו פערענטען 3 רומס מיט אלע קאנוויניענס פרעגען 12 דזשעראלד וועסט
4994—1—23

2 רומס מיט אלע קאנוויניענס צו פעררענטען ווי א אויך א סטייבעל פרעגען 117 גרענדזש עוו.
4995—1—24

סטאר און 7 רומס צוא פערענטען 244 קינג איסט ביליג רענט 15 דאלאר איין מאנאט מען קען קריגען א ליסט אויף א יאהר נאכצופרעגען 563 קינג איסט
4970—23—1

צו פערענטען אין איינגעטרייטע פיש סטאר, אין א גוטען געגענד 58 ארטור סט.
4957—21—1

צו פארענדען א גרויסען האלל 1000 סקווער פיט פאסענד פאר מאנופעקשורינג פלעצ מיטינג אדער דענסינג האלל ביליג רענט פרעגען 248 סימקא סט
4956—1—21

איין גרויסארטיגער רום צו פערענטען 1530 גוט פאר א קלאב, 155 יוראן סט.
4953—1—20

2 פלעטס צו פערענטען מיט ניי מאשינען פאסענד פאר שניידער שעפער נאכפרעגען 270 קווין וועסט

צו פערענטען א פלעט 4 רומס סעפערעט וואכער $8,00 א מאנאט פון 115 סט. פעטריק.

פערלאנגט עקספירענס פאקעטס מייקער פיירסט קלעס אונטער בייסטערס פרעגען 569 קווין וועסט.
4968—1—19

פאר די מלחמה קרבנות.

מר. ב. גראסבורג פון קינקארדין, וויקטאריא האט געבראכט אין אפיס $1,00

כ. משה קאפער האט געמאכט איין פאדע און דארעק מ. דאנציינגער איז געזאמעלט געווארען דיא סומה פון 10 דאלאר און הארשעל שוב האט געקויפט דאס געלד א וועק צוטראגען צום זשורנאל דארעק כ. קלמן שיף

1795

קאלעקטעט $1,00 פון סיידי און סעם דזשייקאבס 52 וויליאם סט.

1798

דורך דער איניציאטיווע פון העררען לע דער מאן 709 מאראי סט. און איניגע מיטגליעדער פון פעראיין פון וועסט טאראנטא'ר ,,פרץ שולע'' אי זאן שול הויז זונטאג אוונעד דעם 16־טען ד.מ. דורך געפיהרט געווארען א קאנצערט צו גונסטען די מלחמה ליידענדע דער ריינער רוח 6,00 איז איבערגעגעבען געווארען צום קאנפערענץ.

די קאמיטע דאנקט אלע אנוועזענדע פאר זייער בעזוך און האפען אז איהר וועט אונז אויך אויף ווייטער העלפען אנגעהן מיט אונזער נאבעלער ארבייט.

עס איז אויך נעזאמעלט געווארען ביי א ברית מילה אין 77 די ארסע סט. ביי מר. סל העוועלאק פאר די תלמוד תורה, $6,06 די מוטער פון קינד האט צוילט דאס געלד מרס. רבקה זילבערבערג די באבע פון 331 קווין איסט האט געקויפט אוועק צוטראגען די געלד צו די תלמוד תורה חזן מאנאוויטש מהל

4963—19—1

פיר שמחות
יוען איהר מאכט א שמחה און דארפט ברענדים וויין אדער ביער, דאן קומט צו דער גוט בעקאנטער פירמא
דזש. וו. רייען
188 קווין סט וועסט, פאן מיין 106
פיינער ליין פון כרמל וויין און ברענדי אין סטאק
אלע ארדערס פינקטליך אטענדעט

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט פאקעטס אפרעיטארס אויף מענ'ס קויטס. ראנדאל און רשונסטין, קאר. סימקא און וועלינגטאן סט.
4961—21—1

פערלאנגט
אפרייטארס, פאקעט מייקערס, לייננג מייקערס, רעק שטעפער שניידער, אונטער בייסטערס און שייפערס און פינישער פרעגען ראיעל האלסייל טיילארס 565 קווין סטריט וועסט.
4996—21—1

פערלאנגט א סים פרעססער און א פארם סטיטשער נאכפרעגען טאראנטא קלאדינג 406 עדלייד סט. וועסט מר. ראזמינסקי
49871—23

פערלאנגט פאר אפרעיטאר ה. ראדען 127 שערידיין עוו.
4992—23—1

פערלאנגט קעפ מייקערס און אפרעיטארס צו לערנען אויף שטרוי העטס, געצאהלט אין דער לעהרע טאראנטא העט קא. 257 עדלייד סט. וועסט.
4991—23—1

פערלאנגט א כוך האלטער אדרעס, פאסטאפפיס באקס 724

פערלאנגט אפרעיטארס אויף ליידיס קויטס און סויטס גלייך, ס. ארינפארב, ענד קא. 132 רידשמאנד סט. וועסט
4972—20—1

מען ברויכט עקספיררענסט און דרעססער און סקוירטס דיא קאנאדא דרעסס ענד סקוירטס קאמ. 553 קווין סט. וועסט
4971—27—1

פינישערס פערלאנגט נאכפרעגען סאנשיין קלאק קא. 132 ריטשמאנד סט. וועסט,
4973—1—20

פערלאנגט קויט אפרעיטארס און ליידיס קויטס אויף סקוירטס פינישערס פערנעסט ליידיס טיילארס, 510 קווין סט. וועסט
4975—23—1

,,פערלאנגט פינישערס אויף קלאוקס און סוטס נאכפרעגען ענטערפרייז מאנופעקטשורינג קא. 156 דזשאן סט. 3 טער פלאור
4976—23—1

פערלאנגט אן אונטער פרעססער ביי סקוירטס און דרעססעס גלייך. בעקער קא. 333 עדלייד סט. וועסט
4962—21—1

פערלאנגט עקספיריענסט האנד נייערס ביי ליידיס דרעססעס און סוטס נאכפרעגען דאמינאן קלאק קא. באטהערסט און וועלינגטאן
4955—1—20

פערלאנגט עקספיריענסט אפרעיטארס אויף דרעססעס נאכפרעגען דאמינאן קלאק קא. באטהערסט און וועלינגטאן
4955—1—20

פערלאנגט א יונגען מאן וואס קען גוט ענגליש צו קעניועסען פון הויז צו הויז נאכפרעגען 270 קווין וועסט
4952—1—21

א יונגער מאן פערלאנגט א רום מיט ברעקפעסט, א פאמיליע מיט קינדער זאל זיך ניט ווענדען עס מוז זיין ביי א יונגע פאאר פאלק אדרעסירט זשורנאל באקס 115 —

פערלאנגט אפרייטארס פאר מיליטער פענטס, 111 עדלייד סט. וועסט. טאפ פלאאר פרעגען פאר פילצמייקער
4967—21—1

פערלאנגט העלפערס צו קלאקס נאכפרעגען קונטער קלאק 439 קינג וועסט
4949—19—1

פערלאנגט אפרייטארס אויף ליידיס אנד קינדערשע דרעסעס נאכפרעגען 344 קווין סט. וועסט
4938—20—1

פערלאנגט א מיידעל פיר לייכטע הויז ארבייט פיר איין פאר פאלק, אהן קינדער פרעגען 80 עליזאבעט סט.
4943—1—20

דיא בעסטע לעסאנס פיר מיוזיק אויף וואילין פלעהיט מאנדאלין בייא טיטשער שפינמאן 47-43 וויליעם סטריט וויא אויך צו שפילען אויף אידישע שמחות
4974—21—2

BUSINESS CHANCES
ביזנעס : : : פערקויפען

א קליינינג און פרעסינג ביזנעס צו פערקויפען, א שניידער קען מאכען א פיינעם לעבען נאכפרעגען 270 קווין וועסט

גרויסער אויס פערקויף
א גרויסער אייזענוואהל פון מענער סעקאנד הענד קאוטס אוורקאוטס און פענטס צו פערקויפען און אויף די סטאר איבערצוגעבען סחורה מיט א ביסעל בעסטע שאנס צו מאכען א גוטען לעבען נאכפרעגען 102 עלם סט.
4915—1—21

פיינטער און פייפערהענגער
איך פייפער א רום אדער פיינט פאר $2
33 באלדווין סטריט
1—24

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
PUBLISHED BY
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., Ltd. —
251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967
SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR
SINGLE COPY 1c.
Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario
January 22nd, 1913

דער זיעג פון אידיש

מיט עטליכע וואכען צוריק האבען מיר אויך גערעדט וועגען דעם זיעג פון ״אידיש״ אין אויסטראליען. יעצט קומט א צווייטע פרעהליכע ידיעה, און דאס מאהל ניט פון דער ווייטער אויסטראליען, נאר פון דער אידישער ניו־יארק. דער קאלומביער אוניווערזיטעט, דער אריסטאקראטישסטער אוניווערזיטעט פון גרויס ניו־יארק האט ערעפענט א קאפעדרע, וואו די אידישע שפראך וועט געלערנט ווערען.

די ערעפנונג פון דיעזער אידישער ״טשער״ קען ניט פערביי געהן אהן גרויס ווירקונג ניט נאר פאר אונזער ליעבער פאלקס־שפראך, נאר פאר די אידען בכלל.

אין די מעהרסטע אמעריקאנער און קענעדער אוניווערזיטעטען, איבערהויפט אין אזעלכע קאלעדזשעס, וועלכע האבען א שיכות מיט טהעאלאגיע זענען היינט צו טאג פערהאן עברעאישע קאפעדרעס, און אונזערע רייכע ״יאהודים״ וועלכע זענען געוואהנט צו יענע קרייזען, שטיצען אפט דיעזע קאפעדרעס מיט אן אפענער האנד.

די עברייאישע שפראך, וועלכע ווערט דארט געלערנט, נעהמט ניט אריין אין זיך די מאדערנע העברייאישע ליטעראטור, און שטעלט זיך אב ביי דער אלטער. פאר יענע אידען, וועלכע זעהן אינ׳ם היינטיגען אידישען פאלק בלויז א קאנסערווירונג פונ׳ם גלויבען, וועלכעס איז געבליבען פון אמאהל, איז אזא זאך מעהר ווי צופריעדענשטעלענד, און דיענט פאר זיי אלס א סימבאל, אז אמאהל האט א פאלק געלעבט, וועלכעס האט אויך אן אייגענע שפראך געהאט. און דארום קענען זיי נאך בעגרייפען דעם למוד פון אידישער געשיכטע, ווייל דאס געהט אויך ביי זיי אריין אלס א זאך, וואס האט א שיכות מיט רעליגיאן.

לערנען אבער די אידישע שפראך, הייסט דאך הייסען, אז עס זענען דא אידען, וועלכע זענען ניט קיין אמעריקאנער, קענעדער אדער דייטשען, נאר לעבעדיגע אידען, א לעבעדיג א דיש פאלק, מיט אן אייגענער שפראך, קולטור און אלע אנדערע סמנים פון אן אייגנארטיג פאלקס־לעבען. דאס, וואס אידיש איז צום ערשטען מאהל איינגעפיהרט געווארען ניט אין קיין אנדערען אוניווערזיטעט, ווי אין קאלאמביא, צו וועלכען אונזער יעקב שיף האט א גרויסע שיכות, איז דער בעסטער פאטש אין פנים אונזערע אסימילאטארען מכל המינים, ווייל א אידישע קאפעדרע מיינט ניט, דער קלאסישער שטודיום פון קאנסערווירטע אידען, נאר פון לעבעדיגע מענשען, דאס וואס די שיפס און קא. זוכען אזוי שטארק צו בעקעמפען.

די אידישע קאפעדרע אין קאלאמביא, האט אבער אויך נאך א בעדייטונג.

עס איז א בעקאנטער פאקט, אז ביי אידען ווערט אלעס כשר, ווען די גוים גיבען א הכשר דארויף צו ערשט. א אידישער קינסטלער, וועט זיך לייכט מאכען א נאמען צווישען זיינע אייגענע אידען, ווען ער ערהעבט זיך פריהער א נאמען ביי די ניט־אידען.

די אידישע שפראך היינט צו טאג, האט ניט נור געגנער צווישען די אידישע אסימילאטארען, נאר אויך צווישען דעם נאציאנאלען עלעמענט, ביי די פערשיעדענע מינים ציוניסטען און העברעער. וועלכע זעהען אין דער פאלקס־שפראך נאך אלעס די שפחה מיט די גראבע הענד ״זשארגאן״, גאסען־שפראך, א ״ליגען״ און עהנליכע נעמען, קען מען אפט הערען צווישען דיעזען אזוי נאציאנאלען עלעמענט, וועלכע זענען בלינד צו זאכען, אוים זייער פאנאטיזם צו דער אלטער העברעאישער שפראך.

פאר זיי, פאר דיעזע אלע וועלכע האבען ליעב צו ווידערהאלען, אז אידיש האט קיין גראמאטיק ניט, וועט עס זיין א ווירקזאמער מיטעל, אז זיי זאלען אנהויבען זעהן זאכען מיט זייער ריכטיגען שיין.

דאס אידישע בוך, די אידישע ליטעראטור פערנעהמט שוין פון לאנג א בכבוד׳ן פלאץ צווישען דער וועלטליכער שוועסטער־ליטעראטור, דאס געשריבענע ווארט איז שוין פון לאנג אנערקענט ביי אלעמען, יעצט איז ענדליך אויך אנערקענט געווארען דאס גערעדטע ווארט, דאס אידישע ווארט, אויף וועלכען דער רוב פונ׳ם אידישען פאלק וויינט און לאכט.

און דארום האט די איינפיהרונג פון דער אידישער קאפעדרע אין קאלאמביא א בעדייטונג ניט נאר פאר׳ן ״אידישיסטישען״ עלעמענט, נאר פאר׳ן גאנצען פאלק.

״און עס בעוועגט זיך דאך״, ווילט זיך אויסשרייען.

לאמיר האפען, אז דער קאלאמביא אוניווערזיטעט וועט בלויז בלייבען דער ערשטער פון צו האבען א אידישע קאפעדרע, אבער ניט דער איינציגער.

און זיי געהן פערלוירען

חמשה עשר בשבט, דער יום טוב פון די בוימער, רופט ארויס גענוג שעהנע זכרונות ביי אלע אידישע קינדער, וועלכע האבען זיך אויפגעהאדעוועט אויף יענער זייט ים. מיר זאגען אידישע קינדער, ווייל דער יום טוב איז מעהרסטענס געוועזען א קינדער יום טוב פאר די לעצטע יאהרהונדערטע.

דאס גרויזאמע לעבען ווישט אבער ביסלאכווייז אב פיעלע שעהנע אידישע מנהגים, און צווישען זיי אויך די פייערונג פונ׳ם פופצעהנטען טאג אין שבט.

דאס איז ניט דער איינציגער אידישער מנהג, וועלכער געהט פערלוירען אין דער נייער וועלט.

אמאהל אבער, איז נאך די טריסט געוועזען, אז עס זענען דא פלעצער, וואו עס היט זיך אב די אידישע גאנצקייט, מיט׳ן יעצטיגען חורבן אבער, איז אויך דיעזע האפנונג פערשוואונדען געווארען.

אזוי געהען זיי פערלוירען, צו דער צייט ווען קיין אנדערעס ווערט ניט געשאפען, וואס זאל קענען זייער פלאץ פערנעהמען.

פארוואס גריכענלאנד בלייבט נייטראל

דער בעוואוסטער אמעריקאנער קארעספאנדענט ריטשארד הארדינג דייווים ערקלעהרט, אז נור די מורא פערהונגערט צו ווערען האט אבגעהאלטען די גריכען זיך ניט אנצושליסען אן דייטשלאנד.

א שטיקעל בעגריף מכח דער לאגע אין גריכענלאנד און וועגען דער מערקווירדיגער, כמעט צוויי פנים׳דיגער ראלע וואס דיעזעס לאנד שפיעלט אין דער מלחמה, גיט אונז א בריעף פון דעם בעוואוסטען אמעריקאנער קארעספאנדענט ריטשארד הארדינג דייווים, וועלכער קומט פון אטהען. דער בריעף איז שוין עטליכע וואכען אלט, ער טראגט דעם דאטום פון 29־טען נאוועמבער, 1915, אבער דער אינהאלט איז ניט אלט געווארען פאר דער צייט, וואס דער בריעף איז אהער בעגאנגען. די לאגע אין גריכענלאנד האט זיך אין משך פון די עטליכע וואכען, וויינציג וואס געענדערט. גריכענלאנד בלייבט נייטראל און פריינדליך צו די עלליים — ווי געווען; הגם דער גריכישער קעניג און זיינע פראגערמאנישע אדיוטאנטען האלטען גערן וועלען זיך שטעלען אויף דער זייט פון דייטשלאנד און איהרע פערבינדעטע.

פארוואס האט זיך גריכענלאנד די גאנצע צייט ניט געקענט ענטשליסען וואס צו טהאן? ריטשארד הארדינג דייווים ערקלעהרט, אז עס איז אין אטהען גופא פונקט אזוי שווער צו קריגען א גענויען ענטפער אויף דיעזער פראגע, ווי אין אויסלאנד. יעדער איינער, סיי אין די דיפלאמאטישע קרייזען, סיי אין דער קאמערציעלער וועלט, גיט אן אן אנדער אורזאכע. אבער לויט די גרינדליכע אויספארשונגען וואס ער האט געמאכט, איז ער געקומען צום שלוס, אז גריכענלאנד האט קיין אנדער ברירה ניט, אז זי מוז בלייבען נייטראל, אדער — אין פאל פון נויט — זיך ווירקליך אנשליסען אן די עלליים.

״גריכענלאנד, שרייבט דייווים קען זיך ניט אנשליסען אן די דייטשען, אהנע אין דער זעלבער צייט צו פעראורטהיילען דאס לאנד צו א הונגער־טויט. גריכענלאנד קען זיך אליין ניט ערנעהרען, וואס זי עסט, קומט אין דער פארם פון תבואה פון אויסערהאלב איהרע גרענעצען, פון די קארן־פעלדער פון רוסלאנד, עגיפטען, בולגאריען, פראנקרייך, אמעריקא. ווען דעניקאשען, דער פראנצויזישער מיניסטער אין אטהען, האט געהאט זיין אינטערוויו מיט דעם קעניג, איז קאנסטאנטין געווארען אין כעס און האט געזאגט:

״מיר קענען זיך בעגעהן אהן פראנקרייך׳ס געלד״. קאשען האט דערויף געענטפערט: ״דאס איז אמת, אבער איהר קענט זיך ניט בעגעהן אהן פראנקרייך׳ס ווייץ״.

״די עלליים וועלען ניט באמבארדירען גריכישע פארטען. זיי וועלען זאגאר ניט בלאקירען די פארטען. אבער זייערע פלאטען, פראנצויזישע, איטאליענישע, ענגלישע, וועלען אבשטעלען אלע שיפען וואס פיהרען עסענווארג קיין גריכענלאנד. זיי האבען נור וואס בעפרייט זיבען תבואה־שיפען פון אמעריקא, וועלכע זיינען פערהאלטען געווארען אין מאלטא, און שיפען וואס פיהרען שפייז קיין גריכענלאנד זיינען געסטאפט געווארען זאגאר אזוי ווייט ווי ביי גיבראלטאר.

״וואס גריכענלאנד זאל ניט טהאן איהר אבהענגיגקייט פון אנדערע פאר שפייז ערקלעהרט איהר האנדלונג. היינטיגען טאג, דעם 29־טען נאוועמבער, געפינט זיך ניט גענוג ווייץ אין לאנד צו שפייזען דאס פאלק מעהר ווי צעהן טעג. דאס איז שוין לויט דער רעכנונג פון די גרעסטע אפטימיסטען.

״ווען זי זאל זיך בעשליסען צו געהן מיט דייטשלאנד, וואלט זי פערהונגערט. דאס וואלט פשוט געהייסען בעגעהן זעלבסטמארד. די פראנצויזישע און איטאליענישע פלאטען זיינען ביי מאלטא, קיין טאג ווייט ניט פון גריכענלאנד. די ענגלישע פלאטע איז ניט ווייט פון דעם גאליפאלי האלב־אינזעל. אין 15 שטונדען קען זי זיך ביי סאלאניקי. גריכענלאנד קען זי זיין ביי סאלאניקי. גריכענלאנד בעשטעהט פון אינזלען, האפען־שטעדטלאך און פארטען. די דייטשע פלאטע קען איהר ניט העלפען; זי וועט ניט פערלאזען דעם קיעל־קאנאל. די עסטרייכישע פלאטע קען ניט פערלאזען טריעסט״.

דאס איז, לויט דער מיינונג פון דעם אמעריקאנער קארעספאנדענט, די הויפט אורזאכע, וואס האט אבגעהאלטען דעם גריכישען קעניג אריינצוווארפען זיין לאנד אין דער מלחמה אויף דער זייט פון דייטשלאנד. אז ער איז א שטארקער פרא־דייטש, וועגען דעם איז נאך קיין צווייפעל ניט הגם אין גריכענלאנד גלויבט מען, אז די אינטערעסען פון זיין לאנד קומען ביי איהם צוערשט; און עס זיינען זאגאר דא פיעלע וואס דענקען, אז ווען די עלליים וואלטען אין אנפאנג אנגענומען דעם קעניג׳ס בעדינגונגען און ניט וועזלאס׳עס, וואלט גריכענלאנד איצט געווען אין גאנצען מיט די עלליים.

ריטשארד הארדינג דייווים רעכענט, אז די עלליים האבען בעגאנגען א פעהלער דערמיט, וואס זיי האבען איבערגעלאזט די פראגע וועגען האלטען די באלקאנישע לענדער נייטראל, אדער זיי געווינען אויף דער זייט פון די עלליים, אין די הענד פון איין מאן — ווענעזעלאס. דיעזער ווענעזעלאס האט געהאט א טרוים וועגען א באלקאנישען פערבאנד, א פעראייניגונג פון אלע באלקאנישע מלוכות. און כדי צו פערווירקליכען דיעזען טרוים, איז ער ווילליג געווען צו מאכען אזעלכע קאנצעסיעס, וועלכע דער גריכישער קעניג האט בעטראכטעט פאר העכסט אונגינסטיג און אונפראקטיש.

ווענעזעלאס האט נאטירליך געהאט אין זינען בלויז די טובה פון גריכענלאנד, אבער ער איז געווען איבערצייגט אז דאס קען נור געמאכט ווערען דורך דער פעראייניגונג. ער איז ווילליג געווען אבצוגעבען קאוואלא צו בולגאריען אין אויסטויש פון קליין־אזיען, פון די דארדאנעלען ביז סמירנא. אבער דער קעניג האט ניט צוגעשטימט דערצו. ער האט אויף קיין פאל ניט געוואלט אבגעבען קאוואלא.

קאנסטאנטין האט זיך אויך ענטזאגט פון נאך א פאדערונג, וואס די עלליים האבען איהם געשטעלט, און דאס איז געווען צו העלפען אטאקירען די דארדאנעלען. אבער אין דעם זיינען די עלליים אליין שולדיג. דער גריכישער קעניג איז ווילליג געווען צו העלפען אטאקירען די דארדאנעלען, אין פאל די עלליים וועלען צו דיעזער אטאקע בריינגען 400 טויזענד מאן. זיי האבען דאס ניט געקענט טהאן, און קאנסטאנטין האט דארום ניט געוואלט ריזיקירען די לעבענס פון זיינע סאלדאטען אין אן אונטערנעהמונג וועלכע ער האט פון פאראויס געהאלטען פאר א דורכפאל. איצט, ווען די אטאקע אויף די דארדאנעלען האט זיך ארויסגעשטעלט פאר א שווערליכער פיאסקא, זעהט מען, אז ער איז געווען גערעכט אין זיין האנדלונג.

וועגען די מאטיווען פון דעם גריכישען קעניג זיינען אין גריכענלאנד נאטירליך דא פערשיעדענע מיינונגען. זיינע פריינד און אנהענגער טענה׳ען, אז ער האט די גאנצע צייט געהאנדעלט אין די אינטערעסען פון זיין לאנד, און אז ער האט קיין אנדער זאך ניט געהאט אין זינען. אבער די אנהענגער פון ווענעזעלאס זיינען אין דער מיינונג, אז דער קעניג האט די גאנצע צייט געהאלפען דייטשלאנד.

״אבער״ש ליסט ריטשארד הארדינג דייווים זיין קארעספאנדענץ, ״די פראגע צי קאנסטאנטין אדער ווענעזעלאס איז א בעסערער פריינד פון גריכענלאנד, — דאס איז אן אלטע געשיכטע און איז בלויז וויכטיג אלס א טהעמא פאר דיסקוסיאן. די הויפט זאך איז די קריטישע לאגע, אין וועלכער גריכענלאנד געפינט זיך. זי קען ניט אויסוועהלען וועמעס ראטה צו פאלגען, דעם קעניג׳ס אדער דעם געוועזענעם פרעמיער׳ס. די עלליים בענוצען זיך מיט אן ארגומענט, וואס יעדער פראסטער ציגען־פאסטוך קען פערשטעהן. ווען א מענש איז הונגעריג און בלויז איין מאן קען איהם געבען עסען, וועט ער פיעלייכט ניט ווערען א שותף, א פערבינדעטער פון דיעזען מאן, אבער ער וועט זיך אויך ניט שלאגען מיט איהם״.

א. פ.

פראנקרייך און די רוסישע אידען

(א בריעף פון פאריז)

פון נ. פראנק

אין דער איצטיגער מלחמה: ״דיא מלחמה פון די קליינע נאציאנען״ שרייט ארויס א פאלשע נאטע: די רוסישע אידען.

ווילען די אליאירטע עפענען דאס מויל און ארויספערלען די הויכע ווערטער, וועגען די רעכטע פון קליינע נאציאנען, קען מען גלייך אבהאקען: ״נו און די רוסלענדישע אידען?״ ווי קומט דאס, דאס דאס פונקט איצט פון א פאלק וואס קעמפפט פאר׳ן וואהלשטאנד פון די קליינע נאציאנאליטעטען פאר פרייהייט און קולטור זאל א צווייטעס פאלק און גארניט קיין קליינע אזוי אונטערדריקט ווערען? אין נאמען פון וועלכען פרינציפ קומט דער קוריאזער צוזאמענטרעף?

דיעזע נאטע ברענגט אריין אויסגעשפראכענע דיסהארמאניע אין דער הויכער און עדעלער בעהויפטונג.

וואס דענקען די אליאירטע פון דער נאטע און ווי רעאגירען זיי אויף איהר?

קלאנגען האבען זיך געטראגען צווישען די פאליטישע ספערען אז שטיל גאנץ שטיל ווי א שעהמעוודיגער חתן האט פראנקרייך דאך אריינגעווארפען א ווארט פאר דער גלייכבערעכטיגונג פון די רוסלענדישע אידען אויף ווי ווייט די עמפפעהלונג איז געגאנגען איז שווער צו דערזעהען און נאך שווערער צו זאגען. די דיפלאמאטיע האלט זיך אלץ פערשלאסען אין א פינסטערען קאמערל און קיין זייטיגע אויג קען דארט ניט אריינקוקען. ווער ווייסט ווען איין איינפאכער שטעדטליכער וועט האבען די זכיה אריינצושמעקען אין דעם לאבירינט פון אינטריגעס קוליסען פלאנטערס און פינאנץ פריינדשאפט.

אויף ווי ווייט דער דרוק איז געווען — אויב מען קען דאס אזוי אנרופען, האב איך געזוכט צו וויסען ביי פערשיעדענע פראנצויזישע פאליטיקער. אלע האבען זיי זיך געשראקען אריינצולאזען זיך מיט מיר אין אזא גליטשיגער טהעמא און ווארט פאר א ווארט האבען זיי ארויסגעגעבען אז עס איז געווען די רייד פון דעם אין זייערע קרייזען.

גערעדט האב איך אויך וועגען דעם ענין מיט פראפעסאר באש. ווי מיר וועלען דאס באלד זעהען האט ער ביי דיעזער עמפיהלונג געשפיעלט א הויפט ראלע, ער האט זיך אבער געהאלטען אין הינטערגרונד און האט די ווערטער דורך די צייהן געזוייט.

עטוואס קאנקרעטער האט מיט מיר גערעדט דער בעקאנטער סאציאליסטישער דעפוטירטער זשאן לאנגע.

זשאן לאנגע, קארל מארקס אייניקעל איז איינער פון די פראנצויזישע דעפוטירטע וואס קענען אמבעסטען די אינטערנאציאנאלע פאליטיק. זייענדיג אויך איינער פון באש׳ס בעסטע פריינד, האט ער מיר געשיינט צו זיין דער בערופענסטער צו וויסען וואס עס איז פארגעקומען אין דער אנגעלעגענהייט.

עס איז דעמאלט גראד געווען א צייט א שטורמישע, די פרעמדען העצע האט ארויסגערופען די בעקאנטע פאניק, אונזער געשפרעך האט זיך נאטירליכערווייזע געלענקט אויף דעם פרק. — אלס וואס לאנגע האט מיר איבערגעגעבען האט מען שוין ביי אייך געוואוסט און איך האב אונזער געשפרעך געצווינגען צו אן אנדער פאל און ביי אלע פארזיכטיגקייטען וואס די איידעלע אנגעלעגענהייט עמפפעהלט קען איך זאגען אז:

ווען מיניסטער בארק איז געווען אין פאריז איז א דאנק דער איניציאטיווע פון פראפעסאר באש דורך דער פאמיליע ראטשילד געמאכט געווארען געוויסע שתדלנות פאר די רוסלענדישע אידען.

מיט וויפיעל ערפאלג וועט אונז אודאי דערצעהלען פראפעסאר באש אליין.

די זעלבע פערזאנען וואס האבען מיר דאס איבערגעגעבען פערזיכערען מיר אז ענגלאנד האט געמאכט אויף רוסלאנד א גאנץ בעשטימטען דרוק לטובת די אידען.

נאר, לאמיר זיין אביסעל איינגעהאלטענער.

אויב איך האב קיין טעות ניט, האלט יזראעל זאנגוויל אין רעזערוו אן ארבייט איבער די אונטערהאנדלונגען וואס זיינען אויף דעם געמאכט געווארען אין ענגלאנד דורך די פערעפענטליכען פון דיעזע ארבייטען באש און זאנגוויל וואלט מען געקענט פיעל לערנען.

גאלד־גריבער

פון המדה בן־יהודה *)

(פריי איבערזעצט פון העברעאיש, פון א. פרומקין)

פון בעגינען צו טאג ביז זונען־אונטערגאנג האלט איך אין איין גראבען. ציטערנווייז שטויסט זיך מיין גראב־אייזען אן אין א פעלזענשטיין, און דאן שרייען זיי ביידע אויף פאר וועהטאג. אמאל ברעכט דאס אייזען און אמאל שפאלט זיך דער שטיין.

איך גראב אום זומער אונטער א גליהענדער זונען און אין הערבסט, ווען די ווינטען הויבען אן בלאזען און דער הימעל איז פערכמארעט מיט לויפענדע וואלקנס; און ווינטער אונטער א גוס־רעגען און אין פרעהלינג, ווען אלעס ארום מיר גרינט און בליהט און די לופט איז פול מיט דופטענדע בשמים.

איך גראב טיפער, איך גראב פון פארנט און פון הינטען, רעכטס און לינקס; איך טראג אריבער בערגלאך פון זייערע ערטער און איך פיל אויס קליינע טהאלען. איך פערניכט קברים און צושמעטער מצבות. איך צושטער דעם אייביגען שלאף.

איך דעק אויף און בעהאלט, איך זוך — און איך געפין ניט. איך פארש אין דער אומגעבונג — ניטא קיין וואונק, קיין שפור פון דעם וואס איך זוך, אבער איך גראב ווייטער.

פארהאן מאמענטען, ווען איך פערצווייפעל, מיינע כחות פערלאזען מיך, און די שווערע מיעדקייט נעהמט דורך מיין גאנצען קערפער. אבער קוים געהט נור אויף די זונען און דער טאג פאנגט זיך אן, דאן געפין איך נייע, פרישע כחות. מיט מיין גראב־אייזען אין דער האנד געה איך ארויס אנטקעגען דעם אויפגעהענדען פריה־מארגען, און מיין הארץ איז פול מיט האפנונג, פול מיט מוטה, פול מיט ענערגיע.

שוין יאהרען לאנג אז איך גראב און שוין צעהנדליגע יאהרען אז איך טראכט: זיי מוזען דאך זיין דא איך מוז זיי געפינען . . . די גאלד־גריבער דאס גאנצע פאלק זוכט דאך זיי, און דאס איז דאך דער איינציגער מאגנעט, וואס איז אימשטאנד אומצוקעהרען דאס פאלק אין זיין לאנד, וואו עס זיינען בעהאלטען זיין גליק, זיין רוה, זיין כבוד, זיין פרייהייט.

די זיכערהייט און דער בטחון גיבען מיר פרישע כחות, און איך גראב ווייטער איך געפין קאלך, איך געפין זאלץ, איך געפין וואסער, איך געפין היין — אבער ניט דאס וואס איך זוך!

איך פרואוו אוים מיין מזל אויף די בערג פון יהודה, דאן בין איך משנה מקום און טראג זיך אריבער אויף די בערג פון אפרים, און פון דארט צום כרמל, צו די בערג פון נפתלי און צום לבנון. און איך קעהר זיך אום אויף פערשיעדענע ערליי וועגען צוריק צו די זעלבע ערטער און אומעטום האלט איך אלץ אין איין גראבען . . .

* * *

א וואונדער־שעהנער פריהמארגען. קיינמאהל איז די זונען ניט אויפגעגאנגען אזוי רויט, אזוי גליהענד רויט. דארט אין מזרח, אויפ׳ן הימעל, האט זיך אנגעצונדען א גרויס פייער, אבער די פייערדיגע קוגעל זעהט זיך גאר ניט. די לופט איז קלאהר און דופטיג. א פארע הויבט זיך אויף פון דער ערד, און ניטא קיין ווינטעל, קיין בלאט בעוועגט זיך ניט אויף קיין בוים. די פויגעל, וועלכע זיינען ארומגעפליגען אין דער הויך, זיינען געבליבען שטעהן ווי א וואלקען איבער מיין קאפ, מיט די פליגלען פונאנדערגעשפרייט אין דער לופטען. ס׳איז שטיל ארום מיר, בלויז דאס קלאפען פון מיין גראב־אייזען הערט זיך קוים מחמת די ערד איז ווייך, און ביי יעדען ריהר פון אייזען ברעקעלט זיך אב א שטיק און טהיילט זיך פונאנדער פון איהר.

״ווי לאנג נאך? ווי לאנג נאך וועל איך זוכען?! . . . ״טראכט איך, און מיינע אויגען ווערען פול מיט טרעהרען און מיט א מאהל דערזעה איך . . וואס איז דאס? . . . אין דער ערד בלישטשעט עפעס . . . און וואס ווייטער איך גראב, אלץ מעהר און אלץ שטארקער בלישטשעט עס! . . . דערווייל האט די זונען אנגעהויבען שיינען און האט ארונטערגעשיקט איהרע גאלדענע שטראהלען אין גרוב, און אויך מיינע טרעהרען האבען אראבגערונען אהין און האבען זיך דארט אויסגעמישט מיט די שטראהלען, און דאס בלישטשען האט זיך אלץ מעהר און מעהר פערשפרייט . . .

״איז דאס מעגליך? איז דאס מעגליך?״ פרעג איך זיך, און מיט א הויפען פול מיט ערד לויף איך צום קוואל און וואס מעהר וואסער איך גיס אויף דעם הויפען ערד, אלץ מעהר טהיילען זיך די ערד־קערעגדלעך אב, און דאס גאלד בלייבט: עס בלישטשעט, גלאנצט און לויכט מיר מעהר ווי די שטראהלען פון דער זונען! . . .

* * *

מיט צונויפגעדריקטע הענד, האלטענדיג פעסט דאס גאלד, און מיט א הארץ פול מיט האפנונג, לויף איך צוריק צו מיינע גאלד־גריבער די זונען איז אויפגעגאנגען מאיעסטעטיש און שטאלץ, און זי גליהט איבער מיין קאפ. דער שווים הענגט צום הימעל — אבער דער וועג איז איך טהו אוים די שיך און לויף. עפעס רינט מיר פון שטערן, מיינע קניע בויגען זיך, מיינע פיס־טריט ברענען מיך, און דריקט מיר אויפ׳ן הארצען. איך ווארף אראב די ארבייטס־בלוזע פון זיך און לויף. עס הויבט מיר אן פעהלען אטהעם און איך שפיעל פונאנדער דעם גארטעל און ציה ארין לופט

דער הימעל איז בלוי און טיעף און לויטער קיין וואלקענדעל זעהט זיך ניט אויף איהם. די פויגעל זיינען ערגעץ פערפלויגען, ניטא קיין זכר פון זיי, און דער וועג איז ווייט . . . מיינע פיס זיינען ווי אונטערגעהאקט, איך בין געבליבען אהן כח . . דער קאפ ברענט און דאס הארץ צאפעלט זיך . . . נאר איך לויף ווייטער. ווייסע שטויבעלעך פליהען מיר פאראוים און דאס גאלד צוגעהט ביי מיר אין די הענד און רינט מיר פון די פינגער אראב . . .

— פארוואס, פארוואס איז דער וועג אזוי ווייט? . . אך, דאס איז שוין תמיד אזוי! אט ביסט דו, דוכט זיך, נאה ווייט. יעדע רגע איז א טאג, א לאנגער אונענדליכער טאג . . . אבער עס וועט דאך מוזען קומען א סוף! און דאן וועל איך אויסרופען פון איין עק וועלט צום אנדערען און אנזאגען מיין פאלק די בשורה, אז איך האב איהם געפונען דעם מאגנעט — די גאלד־גריבער! . .

און דאן וועלען זיך מיינע ברידער אויפהויבען ווי איין מאן און וועלען אלע לויפען אין דעם געבענטשטען לאנד, מאסען־ווייז וועלען זיי זיך לאזען אהין, ווי דער זאמד אויפ׳ן ברעג פון ים און ווי די שטערען פון הימעל, וואס זיינען אהן א צאהל! . . זיי וועלען לויפען, אריבעריאגען איינער דעם צווייטען; יעדער איינער וועט וועלען זיין דער ערשטער אין דעם לאנד פון הצלחה . . . קומען וועלען זיי אלע, אזוי גיך ווי זיי וועלען נור דערהערען אז . . .

און איך כאפ אב דעם אטהעם, ציה אריין לופט און פרואוו אוים מיין קול, צו וועל איך אקארשט האבען גענוג קראפט אויסצושרייען דאס גרויסע ווארט? . .

אבער . . וואס איז דאס? וואס שטיקט דאס מיר אזוי? א פאר אייזערנע הענד האבען מיך אנגענומען ביים האלז. . אוי וועה! ווי עס ווילט זיך לעבען . . . כאטש איין מאמענט, איין איינציגע רגע נאך! בלויז רופען צום פאלק . . אנזאגען די בשורה! . . .

פערפינסטערט איז מיט אמאל געווארען די זונען! . . . מיין צונג דיענט מעהר ניט, מיין הארץ האט אויפגעהערט קלאפען . . . נור מיינע אויערען הערען נאך ווי אלעס רוישט ארום מיר:

— ניין, ניין! דאס וועט בלייבען א סוד אויף אייביג! אונזערע ברידער וועלען עס ניט וויסען, הערסט? זיי וועלען קיינמאל ניט וויסען, אז אין דעם לאנד איז בעהאלטען אלעס וואס זיי זוכען, צו וואס זיי שטרעבען — די אמת׳ע, ריעזיגע גאלד־גריבער . . .

---

*) ערשיענען אין דער העברעאישער וואכענשריפט ״העם״ ניו־יארק.

לעזט דיעזען לייבעל
DIRECTIONS
CONTAINS NO ALUM
MAGIC BAKING POWDER
CONTAINS NO ALUM
לעזט דיעזען לייבעל

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער רעדאקטאר!

אין אייער זונטאגדיגען עדיטאריעל אונטער דעם נאמען ״דא און דארט״ קריטיקירט איהר יענעם טהייל אידען, וואס ווילען גרינדען נאך אן ארגאניזאציע מיט דעם צוועק צו קלייבען געלד פאר די מלחמה קרבנות.

איך זעלבסט בעדויער זעהר וואס אלס דאס דארף געשעהן אז אין אזא נויטיגער פאלקס ארבייט זאלען אלע טאראנטאר אידען ניט קענען ארבייטען צוזאמען.

אבער אין אייניגע געשפרעכען וואס איך האב מיט אייך געהאט פערזענליך וועגען טאראנטאר אידענטהום זיינען מיר געקומען צו דעם טרויעריגען פאקט אז עס איז אונמעגליך צו פעראייניגען דעם גאנצען טאראנטאר אידענטהום אין איין קערפערשאפט, און מיט דיעזען פאקט מוזען מיר זיך רעכענען.

עס איז אהן צווייפעל אז דאס איז איינע פון די גרעסטע טראגעדיעס אין דעם אידישען גלות לעבען, אבער וואס קומט אונז ארוים פון די אלע קריטיקען אז מיר בעהערשען ניט אזעלכע מיטלען דורך וועלכע מיר זאלען דאס קענען אנדערש מאכען און ווי באלד אזוי מוזען מיר זיך רעכענען מיט די פאקטען ניט קוקענדיג אויף דעם צו עס דארף יא זיין אזוי צו עס דארף ניט זיין אזוי.

עס איז ניטא קיין צווייפעל אז דעם עקזיסטירענדען מלחמה הילפס קאנפערענץ קומט א גרויסער קרעדיט פאר דער ארבייט וואס ער האט אויפגעטהאן און די מענשען וואס ארבייטען אין דעם קאמיטעט קריגען די דאנקבארקייט פון יעדען ארענטליכען אונפארטהייאישען מענשען ווען די אונגליק פון זיין פאלק איז נאהענט צום הארצען.

מיר מוזען דאך אבער בעשטעטיגען דעם פאקט אז אנקעגען עס ווי א טאראנטאר מלחמה הילפס קאנפערענץ האט געדארפט מאכען אויפטהאן האט זי דאך ניט אויפגעטהאן, ווייל א שטאדט פון דרייסיג טויזענד אידען מיט פיעל גבירים האט פיעל פיעל מעהר געדארפט שוין ביז יעצט געלד אבשיקען פאר די מלחמה קרבנות, און אויב אז מיר וועלען גוט בעטראכטען די אורזאכען איז כאטש עס איז א טרויעריגער פאקט אבער דאך א פאקט וואס מיר מוזען זיך מיט איהם רעכענען דארפען מיר זיין פון דעם זעהר צופריעדען און ניט קריטיקירען זיי.

די גבירים ווילען האבען זייער אייגענע קאסע, זיי ווילען ניט גלויבען דעם הילפס מלחמה קאנפערענץ וואס די ״איינלאך״ האבען געמאכט, אלל רייט! — זאלען זיי מאכען בעזונדערע, אבי מעהר געלד זאלען זיי געבען, אדער דער ארטהאדאקסישער קלאס סימפאטיזירט ניט מיט דעם מלחמה הילפס קאנפערענץ פון די ראדיקאלען, אלל רייט! מאכט זיך אויך א מלחמה הילפס קאנפערענץ דאמאלס וועט שוין כאטש קיינער קיין תירוץ ניט האבען. און יעדער איינער פון די טאראנטאר אידען וועט שוין ווילענדיג אדער ניט ווילענדיג מוזען אונטערפאלען אונטער דעם איינפלוס פון וועלכער עס איז אן ארגאניזאציע און צאהלען זיינע תרומה און אנשטאט צו קריטיקירען איז גלייכער אנצואווייזען א פראגראם ווי אזוי זיי דארפען ארבייטען אז איין מלחמה הילפס קאנפערענץ זאל ניט שאדען דער אנדערער, און דאמאלס קענען מיר האפען אז עס וועט געטהאן ווערען אין טאראנטא גוטע ארבייט.

חיים אהרן שובין.

A S Freidus
The New York
Public Library
476 Fifth Ave
NEW YORK CITY

פיקפארד פאפולאריטעט קאנטעסט

געדענקט דעם קורס וועלכער ווערט געגעבען פון מר. דזשוליאן ארמיטעזש פון די פאטהאפליי סטודיא אין היינטצמאן בילדינג.

געדענקט די געלעגענהייט אריינצוטרעטען אין די סטודיאס פון די ווארלד פילם קארפ. פארט ליע, נ. דזש.

געדענקט אז אייער איינציגער פרייז איז פאפולאריטעט

געדענקט, דעם מערי פיקפארד טהעאטער קארנער קווין און ספידאינא עו.

טהוט אלעס מעגליכעס מיט דיזען גרויסען מערי פיקפארד קאנטעסט.

פערשרייבט אייער נאמען אין דעם אויבענדערמאהנטען טהעאטער היינט

LYRIC THEATRE

אויף דעם פערלאנג פון פובליקום

וועלען מיר שפילען נאך 2 מאהל

פרייטאג און שבת אבענד דעם 21־טען און 22־טען יאנואר

די מלחמה קרבנות

שבת מאטעניע אום 2.30 נאכמיטאג

מיט ביליגע פרייזען 30 סענט 20 סענט און 10 סענט

צום ערשטען מאהל אין דיזען סיזאן גרויסע ביבלישע אפערא

יוסף מיט זיינע ברידער

זונטאג אווענד דעם 23 א גרויסער קאנצערט

דער וועג צו פרייהייט!

ווירד זיין דאנערשטאג אווענד דעם 27־טען יאנואר

צום עהרען אבענד פיר אונזער ליבלינג שוישפילער אונד זיינגער.

מר. וויליאם עפשטיין

עס ווירד שפיעלען דעם ערשטען מאהל אין טאראנטא בלויז דעם אבענד

דער וועג צו פרייהייט

אין 4 אקטען פון לעאן קוסמאן.

קומט זעהען דעם וועג צו פרייהייט

ד. ווהייטסאן

מיוזיקאל דירעקטאר

89 ארטהור סטריט

טעלעפאן קאלעדזש 1834

לעסאנס ווערען געגעבען אויף וויאלין, וויאלא, פלייט, קלארינעט, קארנעט, א. ז. וו.

יוניאן מיוזיק פאר בעללער, קאנצערטען, חתונות און איבערהויפט פאר שמחות.

צופריעדענהייט גאראנטירט

בעשעפטיגט די בעסטע אידישע מיוזיסער

פעדלערס און סטאר קיפערס

די בעסטע סגולה אנצוהאלטען קאסטומערס און צו מאכען געלד איז צו קויפען דריי־גודס, ריינקאוטס, פענסי גודס, דזשועלרי און נאוועלטיס ביי קאפלאן און קא.

האלסייל און דזשאבבער 229 קווין סטריט וועסט טאראנטא, דער בעוואוסטער האלסייל פלאץ וואו פיעל פעדלער זיינען בערייכט געווארען. דזשאבלאטס זיינען שטענדיג דא. ארדערס פינקטליך אמגעדעט.

קאפלאן און קא. דזשאבבער 229 קווין סטריט וועסט, טאראנטא אנט.

טעלעפאן אדעלייד 3772.

פעדלערס און סטארקיפערס

אויב איהר זייט סמארט גענוג און ווילט מאכען געלד פארוואס ווייסט איהר ניט דעם ריכטיגען פלאץ וואו קויפען אייערע וואארע ביליג קומט צו ד. דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט וואו איהר וועט קריגען צו יעדער צייט דזשאבס, קלירינג ליינס, פון קלאדינג און דזשענטס פארנישינג צו די ביליגסטע פרייזען און ראיעל בעהאנדלונג מיר פערבייטען ווארע אויב ניט צום ציפריעדענשטעלענד־גיט אונז א טריעל און שפארט געלד ביים קויפען

די דייוויס 129־131 קווין סטריט וועסט טאראנטא

מיר קויפען אללערליי דזשאבס צו יעדער צייט

ה. יאנאווער
טעלעפאן מיין 6886

א. ראזענפעלד
טעלעפאן קאלעדזש 5089

זיינען די

טאראנטא קאהל קאמפאני

—91 ענגעס סטריט — — פאן אפיס עדעלייד 2029—

פערקויפען נור

ELIAS ROGERS CO'S. ANTHRACITE

יעדער לאט קוילען אדער האלץ, ווערט דעליווערט מיט ראדזשערס טיקעטס,—פיר קוואליטעט און וואג גאראנטירט.

גדליה מיטץ

יוניאן בארבער שאפ איז יעצט געמופט אין 96 ענגעס סטריט

אין איז דער איינציגער פלאטץ אין טאראנטא וואו יעדער אהנע אויסנאהם קריגט די בעסטע און ריינסטע בעהאנדלונג, מיין נאמען איז די בעסטע גאראנטי פאטראנייזט עס און וועלכער איז ווערטה פאטראנייזט צו ווערען.

פערגעסט ניט מיין נייעם אדרעס: 96 ענגעס סטריט

G. Mitz Practical Barber

פון דער אלטער וועלט

א באנדיטען אנפאל אויף א אידישער פאמיליע

אין דארף סמיעלניקי, צווישען בארדיטש און פזשעדעטש איז פארגעקומען א דרייסטער באנדיטען אנפאל אויף דער וואהנונג פון דעם דארטיגען אידישען קרעמער ראפאלאוויטש.

ארום 10 אזייגער אין אבענד האט מען גענומען קלאפען אין טיהר פון ראפאלאוויטשעס קראם פערלאנגענדיג פאפיראסען. ווען ראפאלאוויטש האט זיך ענטזאגט צו עפענען האבען זיך דערהערט אייניגע שאסען.

די טיהר האבען די באנדיטען אויפגעבראכען און זיך אריינגעריסען אין וואהנונג.

דורך דער צייט איז ראפאלאוויטש מיט זיין 1 יעהריגע טאכטער אנטלאפען און אליין איבערגעלאזט אין וואהנונג זיין 50 יעהריגע פרוי.

די באנדיטען האבען אייניגע מאל אויסגעשאסען און געטראפען צוויי מאהל דער פרוי, וועלכע האט געוואלט ארויסשפרינגען דורך דער פענסטער.

דער קאלאניסט צימער, וועלכער איז געקומען צו לויפען צו הילף איז פערוואונדעט געווארען אין קאפ און אין ברוסט.

דאן האבען די באנדיטען זיך גענומען צו זייער ארבייט און צונערויבט סחורות און געלד.

דער צאר און אידישע דעפוטאציעס

ווען דער צאר איז לעצטענס געווען אין חערסאן האבען זיך צווישען אנדערע דעפוטאציעס איהם אויך פארגעשטעלט א אידישע.

דער קרוין ראבינער, דאקטאר פילאזאפיע חיים גינזבורג האט ביי דער געלעגענהייט געהאלטען פאלגענדע רעדע:

גרויסער צאר, די אידישע בעפעלקערונג פון דער שטאדט חערסאן, האט היינט דאס גרויסע גליק צו זעהען זייער הערשער און אויך איבערגעבען זייערע געפיהלען פון ליעבע טרייהייט און איבערגעגעבענהייט, צו אייך און אונזער פאטערלאנד. מיט דער געלעגענהייט גיבען מיר אייך איבער 5 טויזענד רובעל פון די חערסאנער אידישער בעפעלקערונג אויף מלחמה הוצאות. אונזערע חכמים האבען געזאגט: בעט גאט פאר אייער קעניג ווען איהם וועט זיין גוט וועט איהר לעבען אין פריעדען. די חערסאנער אידען בעטען גאט ער זאל אייך צושיקען געזונד און מוטה צו בעזיעגען אונזערע שונאים.

אינזשעניר בארסקי האט אויך בעגריסט דעם צאר.

דער צאר האט בעדאנקט די חערסאנער אידען.

דער צאר האט אויך אויפגענומען א אידישע דעפוטאציע אין רעני וואו ער איז געקומען צו אינספעקטירען די טרופען קאנצענטרירט ביי די רומענישע גרעניצען.

דער בריהמטער מאטעמאטיקער דאקטאר זעליג בראדעצקי פראפעסאר אין דער בריסטאלער אוניווערזיטעט איז איינגעלאדען געווארען פון דער ענגלישער רעגירונג צו ארבייטען אין דער עקספערט קאמיסיאן פון קריעגס מיניסטעריום אין דער אבטהיילונג פון אוויאטיק. דר בראדעצקי איז בעקאנט אלס ענערגישער ציוניסטישער טהוער.

דאקטאר גאלדוועט האט בעקומען אן ערלויבניס פון דער דייטשער מאכט צו עפענען אן 8 קלאסיגע אידישע גימנאזיע אין לאמזשא.

רוסישער בילדונגס מיניסטער היימט עפענען חדרים

די יעווריעסקאיא ניעדעלי'' מעלדעט:

דער בילדונג מיניסטער גראף איגנאטיעוו האט צוגעשיקט צו די בילדונגס בעאמטע פאלגענדען צירקולאר:

''מיר האבען ערפאהרען אז אין דיא צענטראלע גובערניעס מאכען די גובערנאטארען שוועריגקייטען צו די אידישע פליכטלינגע און אידען בכלל וועגען זייערע עלעמענטארע שולעס, חדרים.

נעהמענדיג אין אנבעטראכט אז די אידען זיינען צוליעב דער מלחמה געצוואונגען געווארען צו פערלאזען זייערע וואהנערטער און זיך בעזעצען אין די צענטראלע גובערניעס וואו זיי נויטיגען זיך שטארק אין חדרים און וועלכע זייערע קינדער זאלען זיך קענען לערנען לעזען, שרייבען און תורה, בעפעהל איך אז מען זאל קיין שום שטערונגען ניט מאכען און ערלויבען די אידען איבעראל צו עפענען חדרים.

די ווארשאווער אסימילאטארען ביי דער ארבייט.

ניט קוקענדיג, שרייבט דער ווארשאווער ''מאמענט'' וואס זייער וואהלצייט האט זיך נאך גאר ניט געענדיגט, האבען די איצטיגע דאזארס (רעפרעזענטאנטען) פון דער ווארשאווער געמיינדע פערוואלטונג בעשלאסען צו בעשטימען נייע וואהלען צו דער גמינע און אלע נויטיגע הכנות ווערען שוין געמאכט אום דיזען בעשלוס אין לעבען צו פערווירקליכען.

די אורזאכע פארוואס דיזער גרופע פון אסימילאטארס האט זיך פלוצלונג פערגלוסט וואהלען האט נאטירליך וועניג וואס צו טהאן מיט'ן דעמאקראטישען פרינציפ מיט,ן וועלען צו ווערען בעשטעטיגט פון פאלק און ניט צו זיין זעלבסטהערשער. אין אזוינע נארישקייטען'' דארפט איהר די ווארשאווער אסימילאטארס ניט בעשולדיגען.

די אורזאכע איז א פיעל פשוטערע: עס איז גראדע איצט א גוטע געלעגענהייט דורכצופיהרען די וואהלען לויט אייגענעם געשמאק און אזוי צו בלייבען די בעשטעטיגטע ריכטיגע פערטרעטער פון דעם ווארשאווער אידענטהום. פון איין זייט וועט די אידישע מאסען ביי די איצטיגע בעדינגונגען שווער זיין צו קעמפפען פאר א נייעם וואהל צענזוס און פון דער צווייטער זייט ווידער איז א גרויסער טהייל פון די נאציאנאלע עלעמענטען וואס צאהלען יא די 15 רובעל געמיינדע שטייער, ניטא איצט אין ווארשא, אזוי אז איצט איז א גליקליכע געלעגענהייט דורכצופיהרען דיא וואהלען און בלייבען די איינציגע בעלי בתים.

ניט קוקענדיג אבער, וואס די לאגע איז פאר די אסימילאטארס אזוי גינסטיג זיצען אבער אויך די אנדערע עלעמענטען ניט פערלעגט די הענד. יעדענפאלס מאבילאזירען זיי זייערע קרעפטען אום צו געבען א שלאכט.

לויט די זעלבע ציימונג בעריכטעט האבען די ארטהאדאקסישע קרייזען שוין אבגעהאלטען א פאאר פערזאמלונגען.

אויף דער ערשטער פערזאמלונג איז פעסטגעשטעלט געווארען אז די געמיינדע פערוואלטונג האט ווירקליך בעשלאסען אום יעדען פרייז די וואהלען דורכצופיהרען.

אייניגע האבען פערטראטען די מיינונג אז אויך איצט — און דוקא איצט — איז די צייט צו קעמפפען געגען דעם הויכען וואהל צענזוס.

זיי האבען בעוויעזען אז עס זיינען פאראן פיעלע גרונדען אנצונעהמען אז די מאסגעבענדע קרייזען וועלען זיך שטעלען אויף דער זייט פון די ברייטע אידישע מאסען.

עס איז אויסגעוועהלט געווארען א וואהל קאמיטע וועמען מען האט איבערגעגעבען דירעקטיווען כדי עס זאלען ניט איבערגעחזרט ווערען די בעגאנגענע פעהלער פון די פריהערדיגע וואהלען.

אויף דער צווייטער פערזאמלונג זיינען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציאנען:

1) ניט קוקענדיג וואס די גרויסע אונארדנונג וואס הערשט אין דער געמיינדע פערוואלטונג ברענגט א זעהר גרויסען שאדען — דענקט אבער דאך די פערזאמלונג אז איצט איז ניט די פאסענדע צייט פאר וואהלען, און בעשליעסט דערפאר צו ארבייטען מיט אלע כחות אז די וואהלען זאלען אבגעלעגט ווערען.

2) מען דארף זיך ניט נעהמען צו דער וואהל ארבייט ביז מען וועט א פריהער ניט געפינען די ריכטיגע קאנדידאטען פאר דאזארס.

ביי דער בעשטימונג פון די קאנדידאטען מוז גילטען פאלגענדע פאראלע: ''ניעדער מיט די שטומע און קרומע!''

עס טארען ניט געקליבען ווער קיין ''שווייגער'' וועלכע זיינען תמיד בלויז א ווערקצייג אין די הענד פון די רעדעלפיהרער און זיינען אונפעהיג צו פערטרעטען די אמת'ע פאלקס אינטערעסען

3) אויב מען וועט מאכען א בלאק מיט די נאציאנאליסטען דארף די קאנדידאטור פון מר פארבשטיין אונטערשטיצט ווערען.

לאזט ניט דורך די געלעגענהייט

פאטאגראפער סורדין

מאכט בעקאנט דעם אידישען פובליקום פון טאראנטא דאס ביי מיר אין פאטאגראפיע 16 קעמעראן סטריט ווערען געמאכט גוטע פיקטשעס צו די ביליגסטע פרייזען פון דעם 15־טען יאנואר, אונטער דער אויפזיכט פון א גוטען פאטאגראפער וועלכער ארבייט דריי יאהר צייט אין דער גרעסטער ענגלישער פאטאגראפיע, די ארבייט ווערט געפינישט אויף די בעסטע פייפערס און דיא שעהנסטע מאונטס.

די פאטאגראפיע איז אפען פון 9 א זייגער ביז 6 פארנאכט שטענדיג

פאסט קארד 50 סענט א דאזען קעבינעט $1,50 א דאזען, האלף קאבינעט $1,00 א דאזען פאמיליען גרופעס $3,00 א דאזען.

גרויסע בילדער ווערען געמאכט פון אלע פיקטשעס,

קומט און איבערצייגט אייך פאר דער ארבייט גאראנטירט,

ניט לאזט דורך די געלעגענהייט, קומט אין 16 קעמערען סטריט

נעהט וואו אלע נעהן.

אלע שניידער און פעדלער קויפען זייערע וואארעס און טרימינגס פאר סוטס און אווערקאוטס ביי

ליובינסקי
די ספעציעלע אגענטען פון גרעסטע און בעסטע ענגלישע און סקאטלענדער וואלען מיללס.

פאר וואס ניט איהר? אונזער נאמען איז א גאראנטי פאר קוואליטעט און ראיעלע בעהאנדלונג

J. LUBINSKY, 248 Simcoe Street, Toronto

TELEPHONE MAIN [illegible]

א רעזיגנאציע

איך אלעם ארגאניזאטאר און פרעזידענט פון דיא עזרת נשים סאסייטי האב דיא עהרע דאמיט מיט צוטהיילען אלע מעמבערס פון דיעזער סאסייטי, דאס איך רעזיגניר פון מיין אמט און בעט מיין רעזיגניישאן אנצונעהמען איך דאנק אלע מיינע שוועסטער פאר זייער אנערקענונג מיינע אונערמיעדליכע ארבייט און נאבעלען אידען איך אלס מוטער פון דאס קינד בין שטאלץ צו זעהען וויא אלע אינטערעסירען זיך מיט מיינע אידען איך ווינש זייא סוקסעס.

מיט דרך ארץ מרס. נ. מיללער

סאסייטיס, ארגאניזאציאנען און פעראיינען!

אין נייעם לאקאל פון אידישען זשורנאל איז פאראן א גרויסארטיג גרויסער און ליכטיגער האל פאר מיטינגען, קאנצערטען, לעקטשורס און זא ווייטער. גאנץ בעקוועם פאר עטליכע הונדערט פערזאן.

כל הקודם זוכה

קומט און רענט דע האלל, עס וועט אייך הנאה טהאן.

לייגט ניט אב, ווייל עס וועט זיין צו שפעט!

דער אדרעס פון אידישען זשורנאל איז איצט 251 קווין סטריט. וועסט

טעלעפאן עדלייד 3967

כשר און ביליג און גוט

איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערים און אייזקרים פרלארס [illegible]

דער אלט בעקאנטער טיטשער מאריס גראפשטיין

איז יעצט אין דעם שעהנעם, אנגענעהמען און ליכטיגען בראדוויי האל 450 ספעדיינא עוו. (ארום קאלעדזש)

לעסאנס ווערען געגעבען מאנטאג, דיענסטאג און דאנערשטאג פון 8 אווענדס ביז 10,30 פון אויסגעצייכנעטען סטעף לעהרער און בעסטען יוניאן ארקעסטער.

אלע זענען ווילקאמען!

פרייז וואלץ, און פריוואטע לעסאנס ווערען געגעבען אונטער מיין אייגענער אויפזיכט.

מאריס גראפשטיין, פראפרייטאר.

טעלעפאן קאלעדזש 17

דר. מ. קייטס

דענטיסט

218½ קווין סטריט וועסט

קארנער קווין און מעקאל סטריט

DR. M. KATES, Dentist
218½ Queen St. West
Phone Main 979

דר. מ. פיווניק

דענטיסט

קאר. קווין סט. און ספעדיינא עוו.

טעלעפאן אדעלייד 4067

באנק אף האמילטאן בילדינג

DR. M. PIVNICK, B. A. Sc.
Room 2.

ווארשאווער אקושארקע

ענע ראמאנאווסקי

233 סימקא סטריט

טעלעפאן אדעלייד 1543

ד. ר. ז.
א. ד. ר. ר.

דעם 15 פעברואר

איצט ווייסט איהר שוין?

א הערצליכען דאנק

עס איז געזאמעלט געווארען ביי א ברית מילה פון מר. בארען 16 פרייפעס ליין די סומע פון $3,80 פאר די תלמוד תורה, פאטער פון קינד האט בעצאהלט פאר טראגען די געלד צו די תלמוד תורה מר. ווילכער האט בעצאהלט פאר ציילען ביי א ברית מילה פון מר. טאטאר פון 90 דזעראר סט. וועסט איז געזאמעלט געווארען פאר די תלמוד תורה $6,65 ברודער יוסף מוהמאן האט זייער געעקט גוט אלס טשערמאן, און עס קומט איהם ווירקליך א דאנק. פ. גראסמאן האט בעצאהלט פאר טראגען דאס געלד מר. ה. וועגמאן האט בעצאהלט פאר ציילען די אפיסערס ווינשען זיי אלעמען פיעל גליק און שמחה מיט דרך ארץ

ל. לעווינסקי פרעזידענט

4963—19—1

וויכטיג פיר טאראנטער

די זיכערסטע הילף פאר קאפף שמערצען און נערוועזקייט איז אויסצובעסערען די זעהונגס קראפט, ווען ס. ראבקין, דער אלטער פראקטיקער און פהיזיקאל אפטיקער וועט אויסבעסערען אייערע אויגען מיט פאסענדע גלעזער וועט איהר זיכער געהאלפען ווערען. 12 יאהר אין טאראנטא בעוואוסט אלעם א ספעציאליסט אין אונטערזוכען אויגען, און אין צופאסען ברילען גלעזער פון $1,00 און העכער.

צופרידענהייט גאראנטירט

ס. ראבקין

אויגען ספעציאליסט

660 באטהורסט סט. קארנער הארבארד

טעלעפאן קאלעדזש 1270

אפיס שטונדען ביז 9 אוהר אבענדס.
זונטאג ביי א אן אפאינטמענט

פערלאנגט

פערלאנגט מענער צו לערנען דעם בארבער טרייד. עס [illegible] וואכען בלויז. שטעלע גאראנטירט. טולס פריי. שרייבט א קאטאלאג און איינצעלהייטען היינט. מאלער בארבער קאלעדזש 221 קווין איסט טאראנטא.

The Moler Barber College
221a QUEEN STREET EAST

דאקטאר סטאט

האט איבערגעמופט זיין אפיס נאך

16 בעווערלי סטריט

רעזידענץ 532 פאלמערסטאן בולווארד

טעלעפאן קאלעדזש 6690

29|1

TERDIMAN'S

כשר וואורשט פעקטארי

איהר בעקומט ביי אונז אימער די געשמאקסטע, פרישסטע און בעסטע מאסטדזשעס. ווארשט. סאלאמי. פאסטראמא. צונגען און אלע סמוק פליישען און פיש.

פערלאנגט איבעראל טערדימאן'ס כשר מאסטדזשעס מיט'ן רויטען לייבל.

266 פארלאמענט סטריט

טעלעפאן מיין 909

ארדערס דעליווערט איבעראל.

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

מאכט אללערליי עלעקטרישע ארבייט, צו פאר די טאראנטא עלעקטריק צו פאר די היידרא עלעקטריק אין רעפערינג צו די ביליגסטע פרייזען.

טעלעפאנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער אדעלייד 3527 אדער אדעלייד 2223.

אדרעס 95 קווין סט. וועסט אדער 509 קווין סטריט וועסט.

אויך פערקויפען מיר אללערליי עלעקטרישע פיקטשורס און סופליים אין לעמפ לאף צו די ביליגסטע פרייזען. האנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופריעדען אלע ארבייט איז גאראנטירט ביי די קאמפאניע.

THE TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.
95 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 509 Queen St. W.
Phone Adel. 2223

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR [illegible]
CONTINUOUS [illegible] TO 11 PM
MATS 5¢-10¢
EVES 5¢ 10¢ 15¢

דאנערשטאג פרייטאג און שבת

אניטא סטוארט

— אין —

די זשוגגערנאט

די גרעסטע און שטארקסטע פון אלע מאדערנע אייזענבאהן דראמאס.

סימפאני מוזיק טעגליך

מעזאנייני סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8345

HIPPODROMME

City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

סיטי האל סקעווער 3 שאוס טעגליך פון 1 נאכמיטאג ביז 11 אווענד מאטינעע 10 און 15 אווענד 10 15 25 די וואך פון מאנטאג יאנואר 17

הויפט עטרעקשאן

''פעסינייטינג פלארא''

די בעצויבערנדע פלארא מיט א קאמפאני פון 10 פעהיגע קינסטלער ספעציעלער פילם מערי מיילס מינטער די איינציגע קאנקורענטקע פון מערי פיקפארד ''אלוויים אין די וועי'' עדמאנדס און פארעלל געהט אויף דער חתונה סילווער און דיוואל ווערסאטי פארשטעלונג אלגא קוק זינגענדע קאמידיען די בענעט שוועסטער אין שוידערנדע אקראבאטישע שטיק ספעציעלע עקסטרא עטטרעקשאן

מר. הערר מאקדאנאלד

און מרס. אין דער לעבערליכער קאמעדיע שא ספונג:

''אונזער האנימון''

ROYAL ALEXANDRA

3 נעכט 2 מאטינעעס פרייטאג און שבת

דער גרעסטער ענטערטיינער אין דער וועלט

הערי לאודער

HARRY LAUDER

און זיין קאמפאני פון אינטערנאציאנאלע ארטיסטען

הערט לאודער'ן זינגען

דער ענגלישער בולדאג היט אב די טהיר.

פרייזען 50 סענט ביז $2.00

מאטינעעס 50 סענט ביז $1.50

LOEW'S THEATRE

Yong St.

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג

דיעזע וואך עדווארד אבעלעס אין

''זעלבסט פערטהיידיגונג''

[illegible]

GLOBE THEATRE

קווין סט. [illegible]

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

פון 10 מארגענס ביז 10.30 אבענד

דאנערשטאג פרייטאג און שבת

20-21-22 יאנואר

א [illegible] פראדוקשאן

''מיין מאראנא''

מאדאם פעטראווא אין דער הויפט ראללע

מאטינע 5 סענט אווענד 10 סענט

מעססי האלל היינט אווענד

מישא עלמאן

מיט דער ניו־יארקער סימפאני ארקעסטרא

רעזערווירד סיטס $2.00 $1,50 און 1,00

אברהם קאהען

בארריסטער

נאטארי פאבליק

קאמישיאנער פיר נעהמען אפידייוויטס

Office, Sun Life Building
60 VICTORIA STREET.
Main 2684
Residence 7 Salem Ave. Junction 1545

פלאמבינג

מיט לייכטע אפצאלונגען ווערט געמאכט ביי אייער פריינד

ט. לאיעווסקי

10 דיארסע סטריט

פאן קאל 7747.